STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02486

# BRIEFENSHTELER IN SHRAYBSHRIFT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בריעפענשטעלער

אין

## שרייבשריפט

ענטהאלט פערשיעדענע קורצע בריעף פיר קינדער, פערשיעדענע פאמיליען אונד פריינדשאפטס־בריעף, ליעבעס־בריעף אונד געשעפטס־בריעף.

אויך רעגעלען צום לעזען, אונד נעטהיגע העברעאישע ווערטער און ראשי תיבות וועלכע עס ווערט געברויכט אין זשארגאן שרייבען.

---


**דיא היברו פאבלישינג קא.**

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו־יארק.

דיא ענגלישע איי בי סי גרויס אונד קליין האַנד, געדרוקט:

| איי | בי | סי | די | אי | עף | דזשי | אייטש |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Aa | Bb | Cc | Dd | Ee | Ff | Gg | Hh |

| אַי | דזשיי | קיי | על | עם | ען | אָו |
|---|---|---|---|---|---|---|
| Ii | Jj | Kk | Ll | Mm | Nn | Oo |

| פּי | קיו | אַר | עס | טי | יו | ווי |
|---|---|---|---|---|---|---|
| Pp | Qq | Rr | Ss | Tt | Uu | Vv |

| דאָבליו | עקס | אואַיי | זעד |
|---|---|---|---|
| Ww | Xx | Yy | Zz. |

דיא ענגלישע איי בי סי גרויס אונד קליין האַנד, געשריעבען:

| איי | בי | סי | די | אי | עף |
|---|---|---|---|---|---|
| *Aa* | *Bb* | *Cc* | *Dd* | *Ee* | *Ff* |

| דזשי | אייטש | איי | דזשיי | קיי | על |
|---|---|---|---|---|---|
| *Gg* | *Hh* | *Ii* | *Jj* | *Kk* | *Ll* |

| עם | ען | אָו | פּי | קיו | אר |
|---|---|---|---|---|---|
| *Mm* | *Nn* | *Oo* | *Pp* | *Qq* | *Rr* |

| עס | טי | יו | ווי | דאָבליו | עקס |
|---|---|---|---|---|---|
| *Ss* | *Tt* | *Uu* | *Vv* | *Ww* | *Xx* |

| אואַיי | זעד |
|---|---|
| *Yy* | *Zz.* |

**די שרייב אותיות פאן אלפא בית**

אב, גד, הו, זח, טי, כך, למ, נן, סע, פף, צץ, קר, שת.

**נעמען פאן זכרים, וועלכע אן פעללער דארפען געברויכט זיין, און דיא אויסלייגען געהער ביט צו זיין וויא דער אויסלייג פון דייטש.**

א אברהם, אהרן, איסר, אשר,
אנשל, אליעזר, אליהו, אלחנן,
אביגדור, אפרים, אידל, אבנר,
אליקום, אורי, אריה, אליאלק, איתאר,
אבא, אייזיג, אוריאל, אלכסנדר.

ב ברוך, בנימין, בילע, בענדט,
בצלאל, בונם, ברכיה, בן ציון,
ביינש.

ג גבריאל, גימפל, גד, גדליה,
גמליאל, גרשון, געציל, גאטליב,
גוטמאן, גרונם, גוטיל.

ד דוד, דן, דניאל.

ה הילל, העניך, העשל, הירש, הערץ.

ו וואלף.

ז זרח, זיאל, זיסקינד, זלמן, זכריה,
זאנוויל, זוסמאן, זונדל, זעליג,
זבולון, זאב, זאוויל.

ח חיים, חנן, חצקיל חנוך.

ט טודרוס, טוביה, טרייטיל.

י יוסף, יצחק, יעקב, ירחמיאל,
ידידיה, יואל, יהודה, ירוחם, יונה, יונתן
יוחנן, יוזפא, יחזקאל, יהושע, יחיאל,
ישראל, יששכר, ישעיה, יום טוב.

כ כלב, כתריאל.

ל ליפמאן, ליב, ליזר, ליברמאן
לעזל, לוי.

מ מרדכי, משה, מנשה, מיכל, מיכאל,
מענדל, מנחם מן, משולם, מתתיהו.

נ נח, נחמן, נחום, נחמיה, ניסן
נפתלי, נתן, נטע.

ס סענדר.

ע עובדיה, עזרא, עזר, עזריאל.

פ פנחס, פרץ, פלטיאל, פסח
פיסל, פתחיה, פייוויש.

צ צבי, צדוק, צמח.

ק קלונימוס, קלמן, קאפיל קרח

ר ראובן, רפאל.

ש שמואל, שלמה, שרגא, שבח, שבתי, שכנא, שמעון, שמשון, שמחה, שמריהו, שניאור, שמשון, שלמיאל, שמואל, שלום.

ת תנחום, תלמי.

נעמען וועלכע ווערין צו זאמען געזעצט, און מיט דעם ערסטין נאמען, ווערט ער גערופין צו ברכת התורה.

מנחם מענדל, יהודה ליב, אלכסנדר סענדר, נתן נטע, צבי הירש, נפתלי הירץ, דוב בער, זאב וואלף, אריה ליב, אשר אנשל, יצחק אייזיק, שלמה זלמן, שרגא פייוויש, שניאור זלמן, קלונימוס קלמן, אברהם אבא.

נעמען פון ווייבער

א אסתר, איידעל, אסנה, איטה, אלקע.

ב בלומה, בתיה, ביילה, בת שבע, בונה, ברכה.

ג גאלדע, גרונה, געלע, גיטל, גענענדל, גיטה, גוטקע, גליקעס.

ד דבורה, דינה, דיסנה, דאברה, דרעזיל, דוואשע, דוסקע.

ה הינדא, העשיע, הענה.

ו וויטה, וויטקע, וויסקע.

ז זלאטע, זעלדע, זילפה, זיסלין.

ח חנה, חיה, חוה, חוואלעס, חסיה, חיענה, חיסא.

ט טובה, טילא, טאלצה, טעמקע.

י יוכבד, יענטע, יהודית, יעכעס.

ל לאה, ליבה, ליפסע, לאנע.

מ מרים, מירה, מלכה, משכלה, מנוחה, מירל, מינקע, מאטלה, מושקע, מינדל, מאסע, מאריאשע.

נ נחמה, נעכה, נעמי.

ס סלאווע, סילקה, סימכע.

ע עטקע.

פ פייגע, פריידע, פיינע, פאיע, פעסי, פערל, פינקל.

צ ציפורה, צביה, צארטל, ציפע, צירל.

ק קומה, קולה.

ר רבקה, רחל, רייזה, ראשקה, רייזל, רינה, רחמה, רעלה, ריסה.

ש שרה, שמחה, שיינע, שאסע, שאסקע, שיינדל.

ת תמרה, תמר, תרצה.

איך געפין פאר נויטווענדיג צוא בעצייכענען נאך דעם אלפא בית, לשון קודש ווערטער, וועלכע געוויינליך צום געברויך ווי וויטער צוא זעהן איז.

## א

אב אבל אבלות אביון אביונים ארורה אונס אונסים

אמהות אמן אמן אלמנה אלמנות אשת חיל אליל אסור אפשר

אפילו אמת אמגר אכילה אוצר אוצרות ארבע כנפות

ארץ ישראל אומן אולם אלפא בית אבר אברים אשת איש

אלה ושבועה אחיזה אפילה אבידה אבדון אבונים איש אשה

אנוש אדם אדמה.

## ב

ברוך בגד בגדים בוודאי בושה בורא בשן בינונים בעל דבר

בעלי דברים בעל ברית בעל חתונה בעל הבית

בעלת הבית בעל אומנה בעל גאוה בן סורר ומורה

בעל עגלה בעל חוב בעל שפע בעל כח בעל אשה מרגן

בעל טובה בעל צדקה בעל יסורים בעל חשבון

בעל עסק בעל נאמנות בעל שמחה בעל תפלה

בעל שם בעל תשובה בעל שאלה בעל עולה

בעל אבידה בעל עגלה בעל גבלה בדרך בדחנים בלות סבק

בן שבעים בן פעולה בן יחיד בת יחידה

ברית מילה בחור בחורים במזיד בשוגג בכיון בשמים

בתולה בתולות  בת ישראל  בר אנן  בר דעת  בר אבהה  בית עלמין  בית חיים.

ג

גאוה גאולה  גבורה גביר  גבירים גזלן  גזלנים גזלה
גניבה גנב גנבים  גוזמא גוזמאות  גדול גדר גדירה  גזע גט גולם גולמא
גוף גבאי גבאים  גואל בלשן  גוסס גסיסה גער  גלילה גערה
גוער תעניות גיון  (גופא דעובדא)  גדולה  גבי גבאות
גאולה תכף  גאולת חסדים  גרוש גרושה גאון  גאונים גובר גבר.

ד

דג דגים דלתא  דיינים דבר דבק  דחקות דיין דין  דלפון דלפונים
דלות דין תורה  דק דקים דור  דורות דרוש דרשה  דרשות דוגמא דמות
דיון דירה  דירות דוגמת.

ה

הלואה הספקה  הפסקה הפסקות  הפלא ופלא  הפלגה השוואה
הבנה היכל הון  הוגות הספק  הסכמה הנדמה  הוצאה הוצאות
הפלגות הספר  הספדים הורג  הרוגים הריגות.

ו

ויכוח ויכוחים  ועדי וועדים.

ז

זוג זווג זיווגים  זיוף זייפן זייפנים  זכר זכרים זכות  זכות אבות זול
זכה זיין זלזול  זלזולים זרע  זמיר זמר זמירה  זמירות זכרון

ח

חבר חברים חברה  חבורה חולה  חולאים חדר חדרים  חצוף חצופה

חרפה חרפות   חריף חוכר חכירה   חזן חזנים חטא   חטאים חייט חייטים
חיים חריפים   חשבון חשבונות   חלף חלפים חלוף   חלפן חושד זיין
חשד חכם חכמים   חשך חוב חובות   חלב חלב (אילק)   חתן חתנים חלום
חלוצות חלה חלות   חלפן חלפנים   חלוף חליפה חסד   חסדים חן חניכה
חצר חצירה חצור   חצרים חוגג חגיגים חגיגה הכיפה חלל   חלילה חורף
חכם שבחכמים   חכמה חכמות   חתונה חלק חלקים   חקרן חקרנים חמרים

ט

טובה טובות   טבילה טובל זיין   טלית טלית קטן   טהור טמא טמאים
טלק טלאים טולק   טלנה טלנות   טפל טריפה טריפות טלטול טיפש

י

יום טוב   ימים טובים יושר   ישרן ישרלק ישרנות יחסן יחסנים
ימים נוראים   יסורים יקרן יקרות יקרנים יפת תואר   ישועה יתום
יתומים   יתומה יובל   יתרון יתרונות   יניקה

כ

כבוד כבודים   כובע כוס כותב   כוסות כזב כזבים כזבן כלב כלבים
כל ישראל כלל   כללו של דבר   כללים כל ימים   כלי כלים כלי זמר
כלי גאריים כלה   כלות כשר כשרים כשרות כת כתות   כפל כפלים
כותבים כתיבה   כתובה כפרה   כפרות כאב אחז   כדור כדורים
כוכב כוכבים כהן כ״ף (כהן צדק) כרת (פ״ר שניידין).

ל

לאו, לאו דווקא   לינת לילה לב   לבבות לוח לוחים   לויתן לוי, לחם
לא תעשה   לוית חן.

## מ

**מכר** מכירה מעשה משל משלים משוגע משוגעים מאמר מאמרים מתאים

**מורא** (פורכט) מורה לעהרער מורה הוראה מורה צדק מושל

**ממשלה** מאכלים מזומן מזומנים מחותן מחותנים מחותנות מחויב זיין

**מקבלים** מבין מבינים מיוחס מיוחסים מלמד מלמדים מלבוש מלבושים

**מלוה** מלוים מכשף מכשפים מכשפה ממילא מה נפשך מגיד מגידים מופלא

מופלג מופלגים מוצלח מוצלחים מליץ מליצים מלך מלכים מלכה מלכות

מלאכה מלאכות מוח מוחות מושלם מושלמים מושלמות מפורסם מפורסמים

מין מינים מזיק מזיקים מצוה מצות משקה משקאות מקח מקחים משולח

משולחים מקפיד מקפידים ממשות משחית משחיתים משפט משפטים

מציאה מציאות מרחץ משכון משכנות מפלה מפלות מצוה מצות

מקרה מעלה מעלות מלוה בריבית משא ומתן מכה מכות מתווכח זיין

מקפיד זיין משרת משרתים מלוה זיין מוסר ממון זיין ממליץ זיין מעגן זיין

מכלה מזוכן מתיר זיין מחיה זיין מוסר מודעה זיין מתמיד, מתמידים

## נ

נגיד נגידים נגידה נגידות נוגש זיין נפל נפלים נגישור

נוקם זיין נקמה נקמת דם נפש נפשות נחת נקבה נחש (שלאנג) נחמה

נימוס נימוסים נבלה (שאנדטהאט) נבלה נבלות נסיעה נשמה נשמות נדבה

נדבות נבלות.

## ס

**סוחר** סוף סימן סימנים סך סם סבלן סבלנים סגולה סגולות

**ספר** ספרים סופר סופרים סיבה סיבות סעודה סעודות סרסור

ע

עולם עושר עשירים עשירות עני עניים עניות עולה עסק עסקים [illegible] [illegible]
עשן עשנים עשנות עשרה עורך דין עיקר . עמוד עמודים עמות
עגון עגונה עצל עצלים.

פ

פגום פגימה פגימות פשרן פשרנים פשרנות פועל פועלים
פועל זיין פשוט פשוטה פשיטא פקוח נפש פגרן פגרנים פחדן
פחדנים פסח פורים פסק פסקים פרנס חודש פרנסה פעולה [illegible] [illegible]
פטרן פלפול פלפולים פנים.

צ

צדיק צדיקים צדקניות צרה צרות ציור צנון (חריין) צר צרים

ק

קדוש קדושה קללה קבר קברים קדחת קמצן קמצנים קבצן קבצנים
קרבן קרבנות קשר קטורת קטן קטנות קדוש.

ר

רב רבנות רבנים רוח רווח רווחים רחמים רחמנות רוגז רע רועש רשע
רשעים רשעת רצינות רוצח רציחה רציחות.

ש

שבת שגעון שגעונות שפל שפלים שומר שומרים שמלה שמלות שבוע (וואך)
שבועה (שווערין) שברי לב שבירות לב שוחד שוחט שוחטים שדכן שדכנים
שבעה גיצין, שבח שבחים שכן שכנים שמולה שמולות שפע שקר שקרים
שכור שכורים שיה שלוה שלום שלוה שמחה שמש שמשים שירה שירים שטן.

# ת

תואר תאים תלונה תלמידים תמיך תוכן תרופים תכלית תכליתם .

ראשי תיבות איבער הויפט , וועלכע קומען אין לשון קודש , בייא אידעש דייטש שרייבען , וועלכע זייבען געברויכט .

בע״ה בעזרת השם . . . . מיט גאטעס הילפען .

ב״ה ברוך השם . . . . געלויבט איז גאט

לש״ה לשם השם, לשם הרחמים . פון גאטט וועגען , אויף גאטט ווילען .

הה״ה הלא הוא, אדער הלא היא . דאס איז ער , אדער דאס איז זיא .

נ״י נרו יאיר . . . . זיין ליכט זאלל שיינען .

אי״ה אם ירצה השם . . . . ווען גאטט וועט וועללען .

כד״ש כל דבר שורש . . . אלס וואס גרונדליך איז .

ע״כ על כן . . . . דרום .

אעפ״כ אף על פי כן . . . . אבוואהל , חאטש .

עש״ז עם שלום זוגתו . . . מיט געזונד איהרער ווייבס .

שא״ב שאר בשרו . . . זיין פריינד (קרוב) אנפערוואנדטער .

או״נ אהובו ונאמנו . . . ליבהאבער אונד בעגלייבטער .

כ״צ כהן צדק . . . . רעכטיגער קאהען .

ודי״ל ודי למבין . . . . פאר איין פערשטענדיגען איז גענוג .

כשי״ת כבוד שמו תפארתו . . . זיין שיינער געעהרטער נאמען .

בעוה״ר בעונותינו הרבים . . מיט אונזערען פיל זינד .

רי״ל רחמנא ליצלן . . . דיא תורה זאל אונז שיצען .

שט״ח שטר חוב . . . . אבליג , שולד פאפיר .

ס״ה סך הכל . . . . דיא גאנצע וואך .
ח״י חתימת ידי . . . . אייגן אונטערשריפט .
ה״ל הנזכר לעיל . . . . דער אויבן געדאכטער .
הנזע״ל הנזכר אשר לדף . . וואס איך יעצער גייט בלויז געזעצט .
מו״מ משא ומתן . . . . האנדל , געשעפט .
מ״מ מטה מוצעת . . . . איינע געבעטע בעט , בעט פעם .
ח״ו חס ושלום . . . . גאט שיץ .
ממ״נ ממה נפשך . . . . ווי דוא ווילסט שטעלן זיך פאר .
עפהי״ט על פי היותר טוב .
עפהי״א על פי היותר אולי . } וואש פום בעסטן .
כש״כ כל שכן . . . . נאך מעהר .
ח״מ חכם ומבין . . . . קלוגער פערשטאנדיגער .
ע״מ על מנת . . . . בתנאי , מיט דער קונדיציע .
ב״מ בדרך משל . . . . פום ביישפיל .
חו״ש חיים ושלום . . . . לעבען אונד געזונד .
בש״ת הבורא שלומו תמיד . . וועלכע נאך דיין געזונד פרעגט אימער .
פ״ש פריסת שלום . . . . גרוס .
עכ״פ על כל פנים . . . . ווייניגסטענס .
א״ס אין סוף . . . . פיר וואר אימער .
לע״ע לעת עתה . . . . דער וויל .
הבעל״ה הבא עלינו לטובה . . וועלכע גאָן אונז גוטעס קומען .

נעמען די טעג פון וואך וואס ווערען גיברויכט אין שרייבין אין לשון קודש .

| | |
|---|---|
| יום ראשון, אדער יום א' זונטאג | יום רביעי, אדער יום ד' מיטוואך |
| יום שני, אדער יום ב' מאנטאג | יום חמישי, אדער יום ה' דאנערשטאג |
| יום שלישי, אדער יום ג' דינסטאג | יום ששי, אדער יום ו' פרייטאג |

נאך דעם טאג פון פרייטאג שרייבט מען יוםשי״ק, דאס בעדייטעט יום ו' ערב שבת קודש . שבת ווערט גערופען אין דייטש זונאבענד .

## חדשים אדער מאנאטען

| 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|

תשרי, חשון, כסליו, טבת, שבט, אדר, ואדר, ניסן, אייר סיון, תמוז, אב, אלול .

## טיטולען צו פערשידענע בריף

| | |
|---|---|
| צו איין פאטער | לכבוד אהובי אבי הה' הרבני |
| צו איין מוטער | לאהובתי אמי אשת חיל, הצנועה וכו' |
| צו איין שטיף פאטער | לאהובי אבי חורגי |
| צו איין פאטערס פאטער (זיידען) | לאהובי זקני, הה' |
| צו איינע מוטערס מוטער | לאהובתי אמי זקנתי |
| צו איין ברודער | לאהובי אחי הה' כו' |
| צו איינע שוועסטער | לאהובתי אחותי הצנועה |
| צו איין פאטערס ברודער (פעטער)<br>צו איין מוטערס ברודער — | לאהובי דודי הה' וכו' |
| צו איין פאטערס שוועסטער (מומע)<br>אדער איינע מוטערס שוועסטער — | לאהובתי דודתי הה' וכו' |
| צו איין פריינד (קרוב) | לאהובי שאר בשרי, אדער ש״ב |
| צו איין פריינדין (קרובה) | לאהובתי שארת בשרי |

דער גאנג פון אויס לייגען איז ווי ווייטער צו , דאס הייסט אין געדרוקט (עברי) פון (לשון הקודש) האבען מיר דיא צייכען.

## פַּתּ״ח, קָמ״ץ, חִירי״ק, צֵירֵ״י, מְלוּפִים, אדער שׁוּ ד״ק, סֶגוֹל, חוֹ״ם

אבער אין שרייבען איז דאך געלבע צייכען אדער (נקודות) ניט פערהאנדען, איז אונס געשטעלט געווארען אין דער קונסט פון שרייבען דאס **א** דינט אפט פאר איין פתח , צום ביישפיל , באלד באלגאס , געהט אלין דאס עס בעדייטעט איין פתח און ווידער דינט אונס דאס **א** פאר איין קמץ, צום ביישפיל בארגען באדען , אונד גויא וויטער . דאס י אין שרייבען דינט פאר איין חירק , דאס צירי .. איז צוויא יודען יי צום ביישפיל , גיין שרייבען, אנשטאט די אלופים שטעלט מען אין שרייבען איין ו , שטאט איין ו חולם אין שרייבען שרייבט מען ו , שטאט איין ∴ סגול שטעלט מען אין שרייבען איין ע , ווייטער קאנט איהר אליין פערשטיין.

מיט איין זילבע (קלאנג)

צום ביישפיל בַא בָא בען בי בו בוי , גַא גָא גען גי גו גוי , דַא דָא דען די דו דוי , הא

הא הען הי הו הוי , ווא וואָ וען ווי וו וואו , זא זא זען זי זו זוי.

מיט צווייא זילבען

וואַ-כען וואַ-לער ווינ-טער, טאנ-צען, זינ-גען, שפרינגען

מיט דרייא זילבען

פאַ-לו-פען, פאר-פי-רען, גע-שפו-נען, גע-לא-פען.

מיט פיר זילבען

ווס-גע-פיר-טען , אב-גע-קאָפּ-טע , פא-פיר-קא-טען .

### מיט פינף זילבען

אמרא־שפּר־נע־כן, אמ־גל־קרא־פּל־כן, אמ־אל־גר־גל־כן.

### איין ווארט פון נײַן זילבען

9 8 7 6 5 4 3 2 1

קאָנ־סטאַנ־טי־־נאָ־־פּאָל־־לי־־טאַ־־ני־־שען.

דיזער פון דאָרפט איהר פאַרשטיין ווייטער צו טרעפען אליין וויא אויס צו לייגען אין שרייבען, נאור אלען דאָרף ניך פאַרשטעהען, וואס דאס אויך ויל רייבען, און פאר היטען דאס אויס לייגען וויא זויבער געבראַכט איז, אלען קענען שרייבען וואס אלען רעכט דיענט, אונד אלען דאָרף צו זיין אנדערן איינס בעטען דאס ער גאַר שרייבען. דאס קענען דיזער קלענסטער פאַרשטיין.

### דיא רייבע ווארדזיים

אין גרויסער שפּיגעל, ווען ער איזט קלאַהר
שייעט ער בעוויליק אלעס, אויך אין האאר
איזט ער אבער טריב און שלעכט
נאַ צייגט ער בונקעל אונד ניט רעכט
האט אלען וואס געלערנט אונד געלעזען
ווירד דיא פעדער צום גרויסען וועזען
דעם בוכאלען ברייגט עס גאַ פיל נוטצען
וויא דעם הפּוליכען איינעם דאס פוטצען.

# בריעף פאר קינדער.

1.

## א קינד צו דיא עלטערן.

גוטע ליעבע עלטערן.

איך בין אנגעקומען מיט א שעהנע פורינג אין ג. דעם אנקעלס אלע קינדער האבען מיר ביי'ן וואגזאל עמפפאנגען. מארגען וועט דער אָנקעל (פעטער) שיקען נאך דעם לעהרער און וועט מיט איהם אָפריידען.

אייער זוהן חיים קאהן.

2.

## צו א ברודער.

אח יקר.

דיא עלטערן שרייבען דיר א בריעף און איך א קליינעם גרוס. איך דאנק דיר זעהר וואס דוא פערגעסט ניט אין יעדער בריעף מיר צו גריסען. איך קען שוין לערנען און שרייבען.

דיין ברודער טוביה קאצענעלענבאגען.

3

# צו אַ שוועסטער.

ליבע שוועסטער.

איך האָב אייך געהאַט געוואָלט מיט פאָהרען מיט מיין מוטער צו דיר, נאָר עס איז שאָדע מיין צייט. איך לערן העברעאיש, ענגליש און רעכענען, דעם קינפטיגען סיזאָן (זמן) וועל איך שוין אַרויס פון חדר, איך וועל לערנען אין דער היים. גריס דיינע קינדער.

דיין ברודער ישראל פייגעלזאָן.

4.

# צו אַ אונקעל.

לדודי היקר...

אין מיין פאָטערס בריעף שרייב איך אייך אַ קליינעם גרוס. איך קען פיעל ניט שרייבען ווייל איך האָב ווייניג צייט: איך האָב צו מאַכען לעקציאָנען פאַר דרייא לעהרערס — גמרא, העברעאיש און ענגליש.

אייער פּלימעניק יהודה קאַצענעלענבאָגען.

.5

# צו אַ זיידען.

לאבי זקני היקר...

איך שיק אייך איין וואונש צום נייעס יאהר: גאט זאל אייך געבען גליק, לאנגע יאהרען און איהר זאלט האבען איממער פערגעניגען פון אייערע קינדער. גיב גאָט איך זאל אייך אנדערע וואונש בריעף פיעל מאהל שרייבען, דאס איז דער פערלאנג פון אייער איינקעל,

לייב גארפינקעל.

.6

# צו אַ גוטען פריינד.

ידידי היקר...

איך וויל אז דו, איין גוטער פריינד, זאלסט מיט מיר איין פערגעניגען טהיילען, אלזא שרייב איך דיר אנצוזאגען אז איך האב דעם עקזאמען גוט אויסגעהאלטען. איך האב גאהר גוטע ציינונגען בעקומען פיר אללעס. איך בין שוין יעצט א שילער פון דריטען קלאסס.

ידידך איזאל זילבערטהאל

7.

# אנטוואָרט.

בעסטער פריינד איכאַל!

איר פריידט זעהר וואָס דו האָסט גוט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, זעה אויך ווייטער פלייסיג צו לערנען, וועסטו אַלעס מאָל גוטע צייכנונגען בעקומען, איך לערן פריוואַט, אָבער זייער גוט.

דיין פריינד נחמן טאַנענבוים.

8.

# א אינגעל צו זיין חבר.

צו מיין פריינד אברהם!

לאָז דיך ניט בעטין היינט אָווענד, אַבּט א גייגער אויף מיין געבורטס-טאָג, מיר וועט קיינער ניט פאָרפעלען צו קומען פון אונזער חדר, אַזורגען וועלען איר דאָך אין חדר ניט געהן, קענען איר היינט אַביסעל שפּעטער אויך זיין.

דיין חבר יונה פיליפס.

9.

# צו א חבר.

לייה מיר א פעדער. איך האב גאר ניט ארויסגענומען פון הויזע, ווייל איך בין אין חדר געגאנגען, און מיין פעדער איז צובראכען. יעצט פון חדר קען איך ניט געהן קויפען, דער לעהרער זאל ניט בייז ווערן אויף מיר. מארגען וועל איך דיר אים א דאנק אפגעבן א נייע פעדער.

דיין פריינד גד אהרונסאן.

10.

# א שילער (תלמיד) צו א לעהרער.

למורי הנכבד...

איך קען היינט אין חדר ניט קומען, די מוטער האט איינגעשיקט געגעבן פארריכטען. אלזא זאלט איהר אויף מיר ניט ווארטען. שיקט דורך דעם אינגעל מיין תנ״ך איך מיין תולדות ישראל, איך וועל ווידערהאלען (איבער חזר׳ן) וואס איך האב די פאריגע וואך געלערנט.

אייער תלמיד יעקב ראזען.

# פאמיליען בריעף.

## 11.

# פון א פאטער צו א זוהן.

אן מיין ליעבען זוהן!

שוין פיעלע וואכען אז איך האב פון דיר קיין בריעף ערהאלטען, מיר טהוט זעהר לייד וואס איך דארף דיר אפט בעמערקען אז דוא האסט א פאטער, וועלכער וויל וויסען אללעס וואס מיט דיר איז און ווארט מיט גרעסטע אונגעדולד אויף דיין שרייבען. שוין געשע האב איך, מיין ליעבער זוהן, ניט פערדינט ביי דיר דוא זאלסט מיר זיין גרינגען האלטען און איבערגעזעהן שיינקען? איך וויל נאך בשום אופן ניט גלויבען אז דיא אורזאכע פון דיין שטיל שווייגען איז נאר דאס וואס דיר איז קיין עין־הרע גאנץ גוט און דארפסט ניט מיין לאסקע... דארף דען א פאטער נאר צרות האבען פון קינדער? פערדינט דען א פאטער דאס פאטער־רעכט אז מען דארף זיין טובה ניט? ניין, מיין זוהן, דאס איז ניט ריכטיג! דוא טהוסט אונרעכט מיט דעם וואס דוא פערגעסט מיר, דיין דיך ליבענדען פאטער, דעם פערגעניגען

א טהייל צוא נעהמען פון נחת בייא א קינד, וואס דאס איז דער שטענדיגער פערלאנג פון אללע עלטערן און אויך דער וואונש פון איר

דיין פאטער חיים שטיינבערג.

---

12.

# אנטווארט.

טהייערסטער און פיעל געליעבטער פאטער!

דיין ווערטהען שרייבען האב איך ערהאלטען. דיינע פארווירפע איז ריכטיג — איך בין אונגערעכט געגען דיר, בעסטער פאטער! איך קען זיך פערענטפערין נור דער מיט דאס איינע פיעלע געשעפטען בריינגען מיט דאס, איך פערגעס צייטין וויס וועגען זיך זעלבסט אויך. דאס איז אבער פאר דיר קיין תירוץ ניט, און איך בעט דיר ליעבער פאטער מיר דעם מאהל ענטשולדיגען; דאס וועט מעהר ניט פארקומען: דאס שרייבען צוא דיר וועט בייא מיר זיין פון איינע ערסטע און הייליגסטע פפליכטען.

איך האף או דוא וועסט פערצייהען דיין שולדיגען זוהן, וועלכער איז דיר איבערגעבען מיט דעם גאנצען הארצען

אברהם שטיינבערג.

13.

# א זאהן צו א פאטער.

אבי אהובי!

דיין בריעף, אין וועלכען דו שרייבסט וועגען דיין קראנקהייט, האט מיר פיעל שמערצען פערשאפט. וויא אזוי האסטו דאס מיר גלייך נישט געשריבען? איך וואלט אומגעזאמט צו דיר געקומען אונד דיר ארום צו געהן, צו שאפען דיר אללעס וואס עס האט זיך געפאדערט און צו זיטצען נעבען דיר ביז גאנצע נאכט. איך בין דעם גאנצען טאג אויסער זיך פון ערגערניס.

א דאנק גאט וואס דוא בישט איצט בעססער, און דיא דאקטוירים זאגען אז דוא ווערסט אי"ה פאלקאם געזונד ווערען. גאט זאל דיר שיינקען געזונד און לאנגע יאהרען דו זאלסט פון דיינע קינדער נחת האבען און אויך פון מיר דיין דיר שטענדיגער געטרייען

פנחס גיזבא.

---

14.

# ענטפער צו א זאהן.

ליעבער זוהן שלמה!

דיין בריעף האט אונז קיין פערגעניגען נישט פערשאפט.

אײן נײן איז איר האָבען פֿון דיר װאָס אַנדערס ערװאַרטעט —
איר האָבען דאָך דיר אַללע מאָהל געזאָגט אַז דאָס װעט זײן דער
סוף פֿון דײנע ווכּעלעס. דו האָסט זיך אױס געבראַכט צײט אין
אונז — געזונד! נאָך װאָס ביזטו געלאָפען? פֿעהלט דיר דען װאָס
אין דער הײם בײא דײנע עלטערן אָדער איר נײטיגען זיך אין
דײן פֿערדינסט? איר האָבען דיר אימער געזאָגט: זיטץ אין דער
הײם, לערין קענטעניסע, קוק זיך צו צום געשעפֿט אין װאָרף
אַרױס פֿון קאָפּ דיזע פֿאַנטאַזיע װעגען פֿאָרדינען, זעלבסט
שטענדיגקײט און פֿרײע לעבען, דו האָסט זיך אָבער אײן גע-
עקשנ'ט לײן פֿאָהרען; נו, װאָס זאָגסטו יעצט? דו פֿערזאָגסט
שוין, דאַכט זיך, אַ צעהענטין. אונז װונדערט נאָר װיא
ביזטו אַזױא נאַרריש און פֿרעגסט נאָך יעצט "װאָו דו זאָלסט
זיך װענדען און װאָס דו זאָלסט טהון", קום אַהײם, װענדע זיך
צו דײנע עלטערן, און װאָס זײא זאָגען דיר דאָס זאָלסטו טהון.
איר שיקען דיר אין בריעף פֿופֿצעהן דאָללער אױף רײזע קאָסטען
און גענוג זיך נאַרריש מאַכען.

דײנע עלטערן עזריאל און טױבע פֿאָגען.

15.

# א טאכטער צו א מוטער.

טהייערסטע מוטער!

איך קלייב זיך דיר שרייבען שוין פון עטליכע וואכען, און עס קומט אלץ ניט אויס — איך בין שטענדיג בעשעפטיגט אין הויז — וויא מיט קליינע קינדערלעך, און קען זיך קיין צייט ניט נעהמען צו שרייבען. וואס מאכסטו, ליעבע מוטער, און וויא לעבסטו? איך בעט נאר שטענדיג גאט עס זאל זיך מאכען פאר חיה'לען א גוטער שידוך, דאנן וואלט איך דיר אין גאנצען צוא זיך צוגענומען. בייא מיר וואלט דיר פון קיין זאך ניט פעהלען. איך בין ניט קיין גביר'טע, אבער איך לעב דאנקען גאט רוהיג און גוט. מיין מאן, זאל לעבען, פערדינט וויא פיעל מיר ברויכען און איך שפאר נאך אב אדאווער; מיר זיינען ח"ו קיינעם ניט שולדיג, אן'אייגענעס הויז אפיינע וועלכע טראגט דירה-געלט, פיינע געראטענע קינדערלעך זאלין געזונד זיין — און וואס דארף מאנשע נאך?

שיקען דיר איינע ברידער אויך פינקטליך אלע חודש? שרייבען זייא דיר אפט? איך האב שוין לאנג פון זייא קיין חיות ניט געהערט.

דיין מוטער וואָס טראַכט שטענדיג וועגן דיר
רוזע פּערלשטיין.

---

16.

# אַנטוואָרט.

ליעבע גוטע טאָכטער!

דיינע גוטע בריעף ווירקען אויף איר וויא דער בעסטער הייל-מיטעל, דעם טאָג וואָס איך ערהאַלט פון דיר אַ בריעף בין איך געזונד אין פריש, גאָטט זאָל דיר דערפאַר געבען וואָס דוא ווינשט זיך אַליין!

איך קען דיר אויך אַ פרעהליכע נייעס שרייבען: מען רעדט חיה'לען גאָר אַ פיינעם שידוך, זיא האָט זיך געזעהען מיט דעם חתן אין זייא געפעהלען זיך בייدע. אַז מיר וועלען א״ה מיט אַללעס דיא זאַך אָרדנען וועלען מיר אייך, ד. ה. דיר מיט דיין ליעבען מאַנן אויף תנאים מיט אַגל בעטען. איך האָב היינט וועגען דעם געשריבען דיא קינדער אין באָסטאָן. זייא זיינען זייער פינקטליך מיט זייער געלט שיקען; עס געהט נאָך אַ טאָג נישט אַריבער—פינקט צום חודש. גאָטט זאָל אייך, ליעבע קינדער-

לעק זאללעצען צושיקען אללעס וואס איהר בעדארפט און איך זאל אויף אייער עלטערע יאהרען פֿון אייך זאללען נחת האבען—אמן.

איך גריסס הערצליך דיין מאן און דיא קינדערלעך; זייט אללע געזונד און גליקליך.

אייער מוטטער חנה מאלקין.

---

17.

## א ברודער צו א שוועסטער.

געליעבטע שוועסטער און שוואגער!

שוין צוויי מאנאטען איז אוועק זינד איך האב אייך געשריבען, איהר זייט געוויס אונרוהיג געוועזען פֿון מיין שטילשווייגען, דען איהר זייט געוואוהנט פֿון מיר אָפֿטע בריעף צו בעקומען. אלזא בערוהיג איך אייך יעצט און ערקלעהר אייך אז דיא אורזאכע פֿון מיין ניט שרייבען איז געוועזען מיין קראנקהייט—איך בין דריי וואכען צו בעט געלעגען און געהאט א שווערע קראנקהייט, דיא ערצטע האבען שוין געהאט מיר אנטזאגט... נאר גאט האט מיר געהיילט און דא האט איהר א צייגע דאס איך שרייב אייגענהענדיג דיזען בריעף.

שרייבט איר וואס איז ביי אייך פאָרגעקומען פאר דיא פאר וואָכען, פון אייערע געשעפטען און פון אללעס וואס איז ווענדיג צו וויסען.

אייער ברודער אדאלף בלומענטהאל.

---

18.

# אנטוואָרט.

בעסטער און טהייערסטער ברודער אדאלף!

דו קאנסט דיך גאר ניט פאָרשטעלען ווי דיין בריעף האט אונז אללעמען בעפרייט. ווי איר האבען בעקומען דעם פאסט-שטעמפעל „באָסטאָן" איז אונז ליכטיג געוואָרען אין דיא אויגען לעבענדיג דיין אייגענהענדיגע אדרעססע. געלויבט איז גאָט וואס האט דיר גערעטעט און אייך געהויבען פון אזא בלאָט. איין ניט, ליעבער ברודער, אז איר האבען פון דיין קראנקהייט ניט געוואוסט; אבער האט אונז פון אללעס געשריבען ווי דער געפאָהר איז אריבער. עס האט אונז גענוג געזונד געקאָסט, נאר איר גייענען יעצט אריבער גליקליך מיט דיין בעסערונג. שרייבט דיך ניט אן מיט קיין זאק, היט שרייבט דיא דיעטא, לאז אללעס ארויס פון זינען און ווער

נאר פאולקאוו געזונד. איך האב אין פערלאנג פון איינציגע וואכען וועלין איר זיך זעהען... זייא געזונד וויא דיר ווינשט דיין שוואגער און שוועסטער

סאלאמאן און סאניע גאלדפארב.

---

19.

# א שוועסטער צו א ברודער.

פיעלגעליבטער ברודער יאנקעל!

וויא עס איז צו שליסען פון דיין ניט שרייבען האסטו אן אונז גאר פארגעסין און דערמאהנסט זיך גאר ניט אויף דיינע שוועסטער און ברידער. וואס איז דאס מיט דיר געווארען? דו פלעגסט דאך אונז פארווארפען מיט בריעף און פלעגסט פון אונז מאהנען דיר וואס אפטער צו שרייבען, און יעצט? יעצט האסטו גאר אויף געהערט צו שרייבען, אויף געהערט צוא אינטערעסירען זיך וועגין אונז דיינע שוועסטער און ברידער, בייא וועלכע דו ביסט אנשטאט א פאטער און בייא וועלכע דוא ביסט דיא איינציגע טרייסט אין דיזע שלעכטע צייט...

דו האסט דאך פערשפראכען אונזערע עלטערין ע״ה אז דו

אלס עלטערער ברודער װעסט פֿיר אונז זארגען, װיא א פֿאטער זיין; און יעצט װייסט דאס זיך גאר ניט ארויס. איך גלויב ניט, איך קען ניט און װיל ניט גלויבען דאס זאל אהן אורזאכע זיין. איך האף זאגט איר אז עס איז װאס אונגעװאהנליכעס ביי דיר אין הויז געשעהען, װען ניט װאלט אזויא ניט געװען—דא װאלסט אונז ניט פֿערלאזען!

אלזא, טהייערער ברודער, לאז זיך אונז ניט לאנג קװעלען, שרייב אונז גלייך װאס איט דיר איז; בערוהיג װאס גיכער דיינע אונרוהיגע פֿער'צרה'טע שװעסטער און ברידער, װעלכע זיינען אויסער זיך.

דיין שװעסטער ביילא פֿעלטענשטיין.

---

20.

## אנטװארט.

ליעבע גוטע שװעסטער!

איך האב ניט קיין װערטער איט װאס זיך צו פֿערטהיידי-גען—איך בין װירקליך אונגערעכט געגען אייך אװעלען. איך בין ניט נאר אייך שולדיג נאר איך געהער זיינדיג געגען אייך און

געגען אײן געװיססען, און איך קען זיך גאר ניט פערצײהען.
דוזו האסט אבער ריכטיג געשריבען, ליעבע שװעסטער, אז עס איז
געװיס א װעלכע אורזאכע דער בײא. יא, עס איז געװען א אורזאכע
און א װיכטיגע! איך האבע אבגעברענט, געהאט פיעל שאדען און
שרעק, נאר געלױבט איז גאטט דער פאר—עס האט געקאנט
נאך ערגער זײן. יעצט איז עס שױן אביסעל געװארדען: איך
האבע געדונגען א װאהנונג ביז איך װעל זיך אב-בױען; אױך האט
איר אב געצאהלט פײער-קאססע און איר זײנען שױן האלב בערוהיגט.
װאס אן אײך געהער, ליבע שװעסטער, שװער איך דיר בײא
אללעס הײליגעס אז איך פערגעס אײך ניט און קען אײך ניט
פערגעסען. גיעב דאס איבער אונזערע ליעבע שװעסטער און ברי-
דער און דעם נאמען פון איר אײער ברודער

יאזעף פעלטענשטײן.

---

21.

# א מוטער צו א זאהן.

ליעבער גוטער זאהן מײנער!

דיא נאכריכט װעלכע איך האב פון אײן ברודער דײן אנקעל

וועגען דיר באקומען האט מיר וויא א דונער געשלאגען. וויא קומט עס צו דיר, מיין קינד, אזא דומהייט, אזא לייכטזיניגקייט צו ווארפען דעם לערנען און אוועק לאזען זיך אין שלעכטע געזעלשאפט?! פאסט עס פאר דיר, פאר א קינד פון אנשטענדיגע עלטערן? פאר א קינד וואס די עלטערן אפפערן זיך פאר זייהר און געבען מיט די לעצטע קרעפטען צו בילדען איהם און פאר א מענשען צו מאכען. ניין, מיין זוהן, איך וועל ניט און קען דאס ניט גלויבען! לאז אוועק די געזעלשאפט, זייא געהארכזאם דיין גוטען אנגעל, לערין פלייסיג און זעה אז די מיהע דיינע און אונזערע זאל אנגעווענדט זיין, אז דוא זאלסט א מענש ווערין צו גאטט און צו לייטען אויך נחת פאר דיינע דיר ליעבענדע עלטערין.

דיין מוטער בערטהע מאזלין.

---

22.

# אנטווארט.

ליעבע גוטע מוטער מיינע!

דיין בריעף האט מיר וויא פון שלאף אויפגעוועקט, איך האב

זיך ארויס געגעבן אז איך האב ווירקליך געוואלט בלאנגען, אז ניט אזוי דורך זיך אויפפיהרען א יונגער מענש און א קינד פון שיינע עלטערן. גלויב מיר, ליעבע מוטער, אז עס איז נור געווען א פערפיהרונג, א פערבלענדעניש אויף מיר; עס איז בעשערט געווען דו זאלסט פערדרוס האבען! איך זאג דיר צו, טהייערסטע מוטער, אז איך וועל פון היינט אן גוט און גע-האָרכזאם זיין, איך וועל ווארפען דיזע גאנצע געזעלשאפט און וועל ווי געווען זיך מיט פלייס פאר'ן לערנען נעהמען, און וועל זיין גוטען אנגעל געהארכזאם זיין, איך ווייס און פיהל אז ער איינ'ט נאר איין טובה און אז ער זארגט פאר מיר ווי פאר אנ'אייגען קינד.

בערוהיג זיך, מוטער איינע! איך בין צוריק ווי ביז יעצט זיין דיין ליעבענדער און געהארכזאמער זוהן.

באריס מאלקין

23.

# א מוטער צו א טאכטער.

טהייערע ליעבע טאכטער איינע!

עס איז שוין פאראיבער פיפצעהן יאהר צייט דו ביזט פון אונז אוועק געפאהרען. אונטער דער צייט האט זיך פיעל איבערגעביטען: פון קליין איז געווארען גרויס, פון גרויס—אלט, פון ארעם—רייך און פון רייך—ארעם. עס האט זיך אויך פיעל איבערגעביטען אין אונזער הויז—ניטא וואס אמאהל איז גע-וועזען! אונזער הויז איז שוין ניט מעהר א פרנסה-הויז, עס איז ניט מעהר אזא לעבענס פונקט וויא געוועזען. עס איז שטיל—ניטא קיין גערויש, ניטא קיין פרנסה!...

מיר ביידע, ד. ה. איך מיט דיין אלטען פאטער, וואלטען נאך וויא עס איז דורכשלאגען זיך, ווארום וויא פיעל דארפען מיר אין גאנצען? אבער מיר האבען דאך נאך ביידע זיך אקינד, אונ-זער לעצטע קינד דיין איינגסטע שוועסטער. זיא איז דאך שוין א גרויסע איידיל, זיא דארף האבען אין וואס ארויס צו געהן, און עס איז שוין צייט איהר צו לייטען צוא ברייגען...

אלזא, ליעבע טאכטער, ווענדען איר זיך צו דיר; דוא ביזט דיזע איינציגע אין אונזער פאמיליע וואס קענסט דער צו בע-הילפיג זיין. נעהם זיך צום הארצען דיזע לאגע פון דיין ארימע שוועסטער, העלף איהר וויא וויט דוא קענסט און גאט וועט דיר דער פאר העלפען וויא דוא ווינשט זיך אליין.

דיין מוטער וואס ערווארטעט דיין ענטפער

חנה פעהלטגעלט

---

24.

# אנטווארט.

טהייערסטע מוטער!

דיין בריעף האט אויף איר געהער א שלעכטען אנדרוק געמאכט. האסטו איר דען אזויא שלעכט אז דוא שרייבסט איר אזא תחנונים'דיגען בריעף? ווייס א דען ניט אייער צושטאנד? שטיץ איך אייך ניט וויא נאר איגליך איז? איך האב דאך אייך איינציגע אמאהל געשריבען אז איין שוועסטער זאל צו איר נאך נייורן קומען, אז איך נעהם איהר אב פון אייך און וועל פאר איהר זארגען? וואס גשע דארפסטו אזויא נידעריג

מאכען זיך מיט דיין שרייבען? איך שיק דיר אנ'אנווייזונג אין
נ. נ. קאנטאר דו וועסט דארטען גלייך דאס געלד בעקומען. נעהם
אויך איין שוועסטער א קאסטיום, און וועלכען זיא זאל קענען צו
איר פאסען, און פערגעס ניך אויך איר — עס וועט איהר ניט
פעהלען קיין זאך.

דיין טאכטער ליבא בערענשטיין.

---

25.

# א פאטער צו א זוהן.

גוטער טרייער זוהן איינער!

איך האב דיר שוין לאנג דיזען בריעף געוואלט שרייבען, עס
איז מיר אבער שווער געווען. יעצט קען איך שוין מעהר ניט
ווארטען און שרייב דיר. דו האסט זיך גאר אין דיין אלטען
פאטער פערגעסען, אבוואהל דיין אלטער פאטער האט אויסער
דיר קיינעם ניט ווער עס זאל איהם בעהילפיג זיין אין זיין נויט.
דו האסט פארגעסין אז דער פאטער דיינער, וועלכער האט פאר
דיר מעהר וויא פאר זיך געזארגט איז אלט און ארעם און מוז
אין קורצען צו דיר אויס זיין לעבין צו בערהאלטען. דו פארגעסט

אז אלטע מענשען כל זמן זייא לעבען ווילען זייא עסען פונקט וויא יונגע... ווען דוא וואלסט דאס ניט פארגעסין וואלסטו דאך ווען דיין אלטען פאטער געשריבען און געשטיצט איהם וויא ווייט דיין מעגליכקייט איז.

עס איז ניט גוט ווען מען דארף אנקומען צו פרעמדע, עס איז אבער נאך ערגער אז קינדער צו וועלכע מען דארף אנ-קומען פארפרעמדען זיך פון זייערע עלטערן... איך האב שוין אלעס אויספארקויפט נאר צו קיינעם ניט אנצוקומען, איך האב אבער מעהר ניט וואס צו פארקויפען.

בעטראכט איין, זוהן, דיזע לאגע פון איר דיין אלטען ארימען פאטער, וואס איז דער צו נאך עלענד אויך

עזריאל פאגען

---

26.

## אנטוואָרט.

אבי יקירי ואהובי!

איך בין אויסער זיך פון דיין בריעף פון וועלכען איך זעה וויא שלעכט דיר איז, און נאך מעהר פון דעם וואס דוא האסט

אפרעטענגיע צו איר. איך האב זווארטעט וואס זאיך שרייב צו דיר
געהר געלטען, אבוואהל איך בין שטענדיג פערדערהט אין גע-
שעפט. וועלכער געהט, ווייא אללעמען דיזא לעצטע צייט, ניט
אזו בעסטין. דאס איז ריכטיג; אדער קענסטו איר דען בעשול-
דיגען פאר וואס איך שטיק דיר ניט, אז דוא האסט איר קיין
אזהל ניט געשריבען אז דיר פעהלט? בין איך דען א נביא?
קען איך וואהנענדיג אין שיקאגא, וויסען אז דוא, ליעבער פאטער,
ליידסט נויט אין נויארק? יעצט אז איך ווייס שיק איך דיר גלייך
פופציג דאללער, און גאט דיר צו אונזאטליך שטיצע צו שיקען
אויף דיר גאל ח"ו גאר ניט פעהלען. און דוא, ליעבער פאטער,
זאלסט ניט קארגען — עס איז טריגט וואס דיין הארץ געלוסט.
דיין זוהן שלמה פוגען.

27.

# א ברודער צו א ברודער.

טהייערסטער ברודער!

עס איז שוין א לאנגע צייט פארוויבער זינד איר האבען
אייך געהערט דורך שרייבען זיך. דיזא אורזאכע דער פון ווייס

איך ניט און גלויב אז דוא דאס גלייבען ווייסט אייך ניר——דאס איז עפעס סתם אזויא געווארען! דאך איז דאס ניט ארענטליך פון אונז ביידען, ניט אזויא דארפען טאהן צוויא ברידער, וועלכע זיינען נור צוויא און האבען אבער אין פאמיליע קיינעם ניט, עס דארף אזויא ניט זיין! אלזא בעט איך דיר ליעבער ברודער, שרייב מיר וואס מיט דיר איז, וויא לעבסטו אין אפריקא? וואס איז דיין געשעפט? וואס האסטו פאר קינדערליך און אויב דוא ביזט מיט אפריקא צופרידען, איך בין דאס אלעס זייער נייגע-ריג צו וויסען.

איך פערהאף אז פון יעצט וועלין מיר זיך קארעספאנ-דירען אפט און אהן אויפהער. דיין ברודער

וואלף וויטענבערג.

---

28

# אנטווארט.

ליעבער ברודער וואלף!

דיין לעטער האב איך ריכטיג ערהאלטען, אבוואהל איך האב שוין דרייא וואהנונגען געביטען נאך איין אלטען אדרעס. בייא

אונז איז אין פּאָסט זעהער גוטע אָרדענונג—קיין בריעף געהט ניט פערפאַללען און אַלען זוכט אויף דעם אדרעסאַט.

דעם פערגעניגען, וואָס דיין בריעף האָט איר פערשאַפט בין איך ניט אויס שטאַנדע דיר אויס צו שרייבען. דוא האָסט רעכט, גוטער ברודער, עס דאַרף אַזויא ניט זיין נאָר ווייסטו דען ניט אַז „ניט אַללעס איז וויא עס דאַרף זיין"... איר דאַכט אַז בייא אייך פיהלט איהר דאָס גאַנץ זאַפט, פיעל זאַכען האָט בייא אייך געדאַרפט זיין ניט וויא עס איז און עס איז דאָך ניט וויא עס דאַרף...

איך אזוק דיר אַלעבין; דיא זען אַלען אַלעבין אַזוכען—אַלען שטערט ניט; יעדער זען זיך פאַרדינען פון וואָס ערוויל און וויא ער וויל. אַלזאָ קענסטו פערשטעהן אַז איין געשעפט איז וואָס איר פּאָסט און וואָס איר זויז לייניגער. איך פאַרמאָג דרייא שיינע טעכטער און צווייא זיהן, וועלכע בעקומען בילדונג אויגיסט אין דוא בעסטע שוהלען מיט אַללע קינדער צו גלייך—נו, זאָל זיך מיט אפריקא ניט צו פריעדען זיין?!

שרייב איר וואָס איז דאָרטען מיט דיר, דוא ווייסט מיט דיין

שרייבן ערפרייען דיזע גאנצע פאמיליע פון דיין ברודער

גאלדזאהן וויטענבערג.

---

29.

# א ברודער צו א ברודער.

אחי היקר!

איך קען גאר ניט קלוג ווערין וואס דיין שטילשווייגען זאל בעדייטען, איך האב דיר שוין דרייא בריעף געשריבען און האב פון דיר קיין אנטווארט ניט ערהאלטען.

שרייב מיר וואס איז מיט דיר, דען איך בין זעהר אונרוהיג.

דיין ברודער גוסאזאן פינקעלשטיין.

---

30.

# אנטווארט.

טהייערסטער ברודער!

ענטשולדיג מיר וואס איך האב דיר אזוי לאנג ניט געשריבען, איך האב אבער ליידער ניט געקענט שרייבען. דיזע אורזאכע

דער פון איז דאס וואס איך האב קיינע גוטע נייעס דיר צו שרייבען, און מיטהיילען דיר פון איין גאנץ לעבען, פון איין ארמוטה און צרות האב איך פשוט ניט געוואלט. איך פערשטעה אז דו וועסט פון דעם קיין פערגניגען האבען...

מיט אפאר יאהר צוריק אלס איך האב בעקומען וואהנרעכט אין קורלאנד האב איך געמיינט אז איך בין איבער גליקליך, עס איז אבער געווען א פוסטע פאנטאזיע. איבעראל זיינען יעצט געפינט געווארין געזעלשאפט-קרייזען, וועלכע פאר קאנקורירען דיא אידישע געשעפטען; פיעל געשעפטען גייען אין גאנצען פאר אידען פערלארען און דיא הוצאה איז גרויס...

מיט דאס איז דיא איינציגע אורזאכע וואס איך האב דיר ניט געשריבען, ביז דו האסט מיר וועגין דיין בעזארגונגען זיך איבער מיר געשריבען.

דיין ברודער לעאן פינקעלשטיין.

31.

# א ברודער צו א ברודער.

אחי יקר ונחמד!

דיין בריעף האט אונז פיעל פערגניגען פערשאפט. דאנקען

גאט פאר דיין געזונד און וואס דוא מאכסט גוטע געשעפטין,
בייא דיזע יעצטיגע צייט איז דאס א זעלטענהייט. איך ווינשע
אימער פון דיר אזעלכע בריעף צו בעקומען.

פון זיך קען איך דיר ליידער קיין גוטע נייעס ניט שרייבען
דיא געשעפטין ווערין פון יאהר קלענער, דיא פאמיליע גרעססער
און דיא הוצאה איז ניט צו דער טראגען. נור וויא אללע
אידען לעב איך אין האפנונג אז עס וועט אי"ה בעססער ווערין—
האפען קאסט דאך קיין געלט ניט...

דיין ברודער שמעון ליזענזאהן.

32.

# אנטווארט.

טהייערסטער ברודער שמעון!

לעזענדיג דיין בריעף איז מיר איינגעפאלען דיר פארצולייגען
פיללייכט וועסטו וועלין פערגרינגערן זיך דיא אויסגאבען (הוצאה)
און וועסט צו מיר דיין עלטערין זוהן שיקען. בייא מיר איז
יעצט דא א וואקאנסיע אויף א שטעלע פאר א בוכהאלטער. איך קען
דאך דיינע קינדער דאס זייא זיינען געבילדעטע, פייהיגע און

אויף'ן העכסטען פאלל ארדענטליכע—עס וועט פאר אונז ביידען גוט זיין: איך וועל האבען א בוכהאלטער, אויף וועלכען איך וועל זיך קענען פערלאזען וויא אויף זיך זעלבסט; און ער וועט האבען א שטעללע בייא איר, זיין אנגעל, וואס ווייס וויא איהם צו שעט-צען; אויסער וואס דיא שטעללע וועט איהם שיינע געהאלט טראגען.

איך ווארט אויף דיין אנטווארט דורך דיין זוהן!

דיין ברודער ברוך ליזאנאוו.

---

33.

# שמעון צו ברוכ'ן.

איך בין ניט אויס שטאנדע דיר נאך דיין ווערטהע צו בעדאנקען. דיין בריעף האט אונז אללעמען דער פרייהט: בייא דיר איז דאך א גרויסער געשעפט, מיין זוהן וועט גוטע פראנטיקע האבען, און איר האפפען אז איהר וועט ביידע העכסט צופריע-דען זיין.

דיין וואונש, גוטער ברודער, צו שיקען דיר מיין אנטווארט דורך מיין זוהן, דיין צוקונפטיגען בוכהאלטער, קען איך ניט ערפיללען—עס איז נאך איניגע טעג געדויערין ביז ער וועט

קענען פאהרען. איך בעקלייד איהם ווען עס פּאָסט פאר דיין א בוכהאלטער און ווען עס איז אנשטענדיג אין א גרויסע שטאדט צו קומען. איין גוטען שרייבט דיר בעזונדער א בריעף היינט אדער מארגען.

דיין ברודער שמעון ליזוגאוו.

---

34.

# א פּליעמעניק צו א פעטער.

געהערטעסטער אנקעל, לעבט וואהל!

איך שרייב אייך א קורצען בריעף, דען איך בין גאר איבער ראשט פון אייער פאר מיר גליקליכען שרייבען דאס איך קען אייערע געדאנקען ניט צוזאמען נעהמען. איך קען אייך גארגאר יעצט ניט דאנקען נאך אייער ווערטה—דאס וועל איך מינדליך מאכען אין פערלויף פון איינעגע טעג, ווען איך וועל צו אייך קומען. איין זאך קען איך אייך נאר שרייבען: איהר האט אונז אללעמען איבער גליקליך געמאכט!

אייער אייך גליקווינשענדער פּלימעניק

יאקאב ליזוגאוו.

35.

# א שוועסטער צו א ברודער.

טהייערסטער און ליעבער ברודער!

איך קום דיר מיט צוטהיילען דאס מיין וואונש איז ערפיללט געווארען — איך בין פערלאבט (תנאים געמאכט) מיט מאנס בייערפעלד, וועלכער איז מיינע עלטערין און מיר זעהער געפעלין און פיין אללעמען זעהער געריאט. דאס איז דיא גוטע נייעס, וועלכע מיר האבען דיר און אונזער פאריגען בריעף צוגעזאגט צו שרייבען.

איך בין גליקליך און ווינש דאס זעלבע אויך דיר!

דיין שוועסטער העלענא גליקסווינש.

---

36.

# אנטווארט.

ליעבע שוועסטער העלענא!

איך גראטוליר דיר און ווינש דיר גליק וויא דוא און דיין געשעצטער ברויטיגאם (חתן) ווינשט זיך זעלבסט. גיב גאטט איהר גאנץ איאער צופריעדען זיין ביידע און לעבען און גוטס און פריעדען!

עס קען זיין אז קירצליך וועל איך אייך אגזא נייעס שרייבען קענען... געריס אונבעקאנטער ווייבע דיין ברויטגאם פון אייכט וועגען, און נאג איהם דאס עס שעצט איהם שוין זיין צוקינפטיגער שוואגער

יצחק גליקסווינש.

---

37.

# מאקס צו יצחק׳ן.

האכגעשעצטער צוקינפטיגער שוואגער!

אייער גראטולאציאנס בריעף (גליקווינשענדען) האבען איר ריכטיג ערהאלטען, איך אונד איין ליעבע ברויטע (כלה) דאנקען אייך פיעל מאהל פאר אייער ברודער-פריינדליכען בריעף. גיב גאט אייער וואונש אייך אונז גאל ערפיללט ווערין וויא איך אונזער גליקווינשען אייך.

איך האף, ליעבער ברודער, אז איר וועלין זיך קירצליך קענען לערנען און דאן וועלין איר אייך עוויג ברידער בלייבען.

אייער אייך גליקווינשענדער

מאקס ביערפעלד.

38.

## אנטוואָרט.

ברודער אהרן!

דוּ שרייבסט אַז נאָך דעם אַז איך וועל קומען אין איר וועלין זיך פֿריינדליך בעקאָנען, וועלין איר ברידער פֿייט אונזער לעבען בלייבען; איך מיין אנדערש—איר זיינען שוין ברידער נייס ביגטו איין ליעבע שוועסטער'ס ברויטיגאַם.

איך שיק דיר דעם בריעף אויף מיין שוועסטער'ס אַדרעססע, איך גלויב דוּ ווערסט איהם פּינקטליך בעקומען. גריס זיין איין נאָמען דיין ברויטע און זאָג איהר אַז אונגעזאָגט וועל איך ניט איט איהר פֿרעהליך און אונדליך איבער אלעס אויסריידען.

אייער ברודער יצחק גלינסקין.

---

39.

## ליעבע בריעף.

ווערטהעס פֿרייליין אננא שיינפֿינגעל!

איך מוז יעצט א געפֿעהרליכען שריט, ,,נור ווער עס שטעהט

איך ניט אין געפאהר—זאגט א שפריכווארט—געווינט ניט דיזע שטרייט", אלזא וואגע איך איך 'ס צו טאהן.

איך איין דאס איהר האט בעמערקט אז איך בין צו אייך ניט גלייכגילטיג, אז אין אייער געזעלשאפט בין איך גאר אנ-אנדער מענש און איך דאס אז דיזע פערהעלטנישע האט אויף איר געהאט א גרויסען איינדרוק געמאכט...

אין דעם צושטאנד וויא איך בין יעצט קען איך לאנג ניט בלייבען, דאס איז אנ'אונאערטרעגליכע זאך! אלזא בעט איך אייך, האכגעשעצטע אננא, איר מיט אייער איין ווארט גליקליך צו מאכען, מיט אייער איין ווארט קענט איהר מיר אדער אין גאנצען בערוהיגען און אויף עוויג גליקליך מאכען אדער אין געגען טהייל... דער וואהל איז צו אייך, און איין לעבען, איין בערוהיגונג און גליק הייגגען אויף אייער ווארט...

איך ערווארטע מיט דעם גרעסטען אונגעדולד אייער אנטווארט.

פיליפ אייכהארען.

40.

# אנטוואָרט.

געעהרטעסטער הערר אייכהאָרען!

אבוואהל אייער בריעף האט מיר שטאלץ געמאכט און אייערע טיעף פון הארצען גערעדטע ווערטער האבען מיין אייגענליעבע זעהר געשמייכעלט, דאך געפין איך דאס איך זעלבסט האב קיין רעכט איין האנד צו געבען, זאגאר אזא פערזאן ווי איהר, איידער איך וועל מיינע ליעבע עלטערן וועגען דעם זאגען, און זייער מיינונג אויס הערין.

פון מיינער זייטע קען איך אייך שרייבען דאס איך שעטץ אייך נאך אייער ווערטה, דאס אייער געזעלשאפט מאכט אויך מיר דעם געלייכען ווירקונג ווי איהר האט מיר געשריבען... נאר בייא מיר קומט אויס אז עלטערן פערדינען דאס בייא אזא שריט זאל מען זיך אהן זייא ניט בעגעהען.

דאס איז פארלייפיג איין אנטווארט, וועלכער איך רעכען וועט אייך אביסעל בערוהיגען. איך ווינשע אייער מיינונג צו בעקומען וועגען דעם אינהאלט פון מיין דיזען בריעף.

מיט אכטונג אננא שיינפינקעל.

41.

# פיליפ צו אננאין.

װערטהעס פרײלין שײן־פינקל!

אייך האט איין שרייבען שטאלץ געמאכט, אייך האבען איינע װערטער געשמייכעלט; מיר אבער האט אייער בריעף דעם לעבען געשאנקען און אויך צווייג גליקליך געמאכט! איך האב אין אייער בריעף געלייענט צווישען דיא רייהען (שורות) איך האב אין איהם געפונען מעהר וויא עס איז אין איהם געשריבען... איך האב שוין אגליקליכען אנפאנג—איך האב שוין אויך וואס צו האפ-פען. יעצט פיהל איך דעם געדאנק פון פאלקס-ווערטיל: „וואס עס פעהלט אין יעצט. בעדרויגט דיא האפפנונג מיט דעם צוקונפט”; אה! ליעבע האפנונג און גוסער צוקונפט! איהר פארנעמט בייא מיר יעצט אגרויסען טהייל אין מיין לעבען...

מיט אייער איינונג בין איך פאלקאם איינשטימיג. עלטערן זיינען װערט אז קינדער, פון װעלכע זייא ליידען גאר פיעל ביז מען ערציהט זייא, געהאלטען בייא אגאן שריט זייער איינונג פרעגין. איך האב אבער ב״ה אזויא פיעל געדולד זייער גליקליכען איינשטימונג צו דער-ווארטען.

אייער פיליפ אייבהארען.

42.

# אננא צו פיליפ'ן.

געעהרטעסטער פיליפ!

אין אייער לעצטען בריעף זיינען אבגעשפיגעלט אייערע געפיה-לען, דיא ווערטער זיינען וויא פון איין אונד ארויס געגאסען, איין לעבען בעגלייטען יעדעס אויך דיא געליבטע צוויא ענגלען (אמורים) דיא האפפענונג אין דער צוקונפט, נאר איך האב קיין דרייסט ניט פאר צוא זאגען אייערע גוטע עלטערין אונזא גזוך—פאר א פרויענציאמער איז עס א צו שווערע אויפגאבע. גיט איהר ארושה (אנ'צעפה) וויא דאס זאל געשעהן, איך קען דאס ניט, דאס קאסט איר איין געזונד און אייך—אייער געדולד.

אייער אננא שיינפינקעל.

---

43.

# פיליפ צו אננא'ן.

מיט דעם גרעסטען אונגעדולד האב איך אייער בריעף ערווארט און מיט דעם גרעסטען פערגעניגען געלעזען. דער אזוגניס—וויא

עס איז בעשריבען—האט דיא אייגענשאפט אז צוא וואס ער ריהרט זיך צוא אויב דאס איז נור אפטמאל בעקוועם עס אזוגניס־קראפט, דיא „ליעבע" איז אבער פיעל שטארקער: זיא פער־הייליגט און פערטהייערט אללעס... דאס פאפיר פון אייער בריעף און דער קאנווערט האבען בייא מיר אזא ווערטה וואס עס גיט גאר קיין גלייכען דער צוא. אייערע צווייא בריעף זיינען בייא מיר יעצט איין אייגענס.

דעם ראטה וואס איהר בעט קען איך אייך געבען, נאר אויב איהר וועט צוא איהם איינשטימען. איך וואלט אבער געלובט בייא אייערע גוטע עלטערן זייער האנד בעטין גלייך וויא איהר וועט מיר אייער איינשטימונג דער צוא שרייבען; אבער איך וואלט א שדכן אין נאמען פון אייערע עלטערן שיקען. זייא וויסען אביסעל פון אונזערע פערהעלטניסע און זיינען העכסט צוא פריעדען וואס איין וואהל איז אויך אייך, ליעבע אננא, געפאהלען.

שרייבט מיר וועלכער פלאן געפעלט אייך בעסער דעם וועל איך אונגעזוימט טהון.

אייער פיליפ אייכהארן,

44.

# אננא צו פיליפ'ן.

ליעבער טהייערסטער פיליפ!

דער צופאלל האט אייער צווייטען פלאן אויסגעקליבען אלזא בעשטיט איך זיך אויך. אייער בריעף איז אנגעקומען גראדע ווען איך בין צו האוזע ניט געוועזען.. איין גוטע מוטטער האט זיך פון בריעפטרעגער אבגענומען, זיא—ניט אייגענדיג קיין גזאך—האט איהם גיעפינט און געלעזען. געלובסט פערשטעהענדיג אז זיא האט אללעס איין פאטער איבער געגעבען. און אז איך בין צו האוזע געקומען האט איר דער פאטער און זיין קאבינעט אריין גערופען און דארטען האט ער, אויך דיא מוטטער איר ערקלערט דאס זייא קענען אייער פאמיליע פון בעסטער זייטע, דאס דער פאטער קען אייך אויך גוט, און זייא ביידע האבען איר אפען געזאגט דאס זייא שטיממען איין צו אונזער וואונש.

אלזא, ליעבער פיליפ, קומט און רעדט; מיט איינע גוטע עלטערן געלובסט—אונזער גליק איז ביי אונז און דיא הענד...

אייערע אננא שיינפינגעל.

P. S. איך גראטוליר אייך פון טיעפען הארצען!

45.

# אחתן צו אפלה.

הערצענס געליעבטע ברויטע!

דער בריעף איז דער ערשטער יזוק אונזער גליקליכען פער-לאבונג, אין איהם, איינע טהייערסטע, וועסטו קיינע נייעס געפינען. דוא וועסט נאר געפינען אין איהם דיא ווערטער, וועלכע דוא האסט פון מיר שוין פיעל מאהל געהערט און וועלכע איך האף דוא וועסט צוויי פון מיר הערין ד. ה. דאס דוא ביסט מיין גליק, מיין וואונש און מיין לעבען; דאס מיין ליעבע צוא דיר איז אהן אגרענצען.

דוא ביגט גענאור ווייט פון מיר איינזיגע שטונדען פייט מיט דעם בזוהן צוא רייזען; אבער וויא דיא גאנצע וועלט איז געהער ווייט פון דיא ערד און בעלייבט איהר דאך, גאז בעלייבט'ס דוא מיר אבוואהל דוא ביגט פון ווייטען. דוא ביגט ביא מיר, ביא מיר אין קאפ, ביא מיר אין הארצען—דוא ביגט איינע.

דיין ליעבענדער ברויטגאם, וועלכער ערווארטעט דיין שרייבען מיט דעם גרעסטען אונגעדולד

שמעון גאלדבערג.

46.

# אנטווארט.

מיין ליעבער שמעון!

דיין ליעבער בריעף האט מיר בערוהיגט מיט גליק. קיין אנטווארט האב איך דיר ניט צוּ שרייבען. קען איך דיר דען וואס אנדערש שרייבען וויא דוּ צוּ מיר? איך וואלט ריכטיג געטאהן ווען איך וואלט דיינע בריעף קאפיערען, אונטער שרייבען גייא, און דיר אבשיקען; נוּר אויב אזויא, וואלטען מיר זיאאער נוּר דעם איין בריעף גיך איינער דעם אנדערען שיקען. אלזא מוּז איך דיר עטוואס אנדערש שרייבען, אבער דער ציעל איז דער געלביגער: איך ליעב דיר טיעף פֿון הארצען, דוּ ביגט דאס איינציגע וואס אינטערעסירט מיר, דוּ ביגט איינער.

שרייב וואס מעהר, דען לעזען דיינע בריעף איז יעצט דאס גאנצע בעשעפטיגונג פֿון דיין ברויטע

נעאי וועקסלער.

47.

# שמעון צו נעמי'ן.

גיטע אנגענעמע נעמי!

פערל און בריליאנטען גלייכען דיינע ווערטער און וויא דיא בעסטע מוזיק קלינגען דיינע פראזען. און וויא פאלש, וויא אונגרינדליך איז דער מיינונג פון דיא פילאזאפען וואס זאגען אז אללעס אויף דער וועלט איז גאר נישט! ניין, דיא וועלט איז א גן-עדן פאר דיא וואס האבען דעם גליק צו ליעבען און געליעבט צו ווערן.

איך ווייס נאר אז זייט איך האב דיר דערקאנט איז מיר דיא גאנצע וועלט א לוסט-גארטען, אללעס אויף וואס איך קוק פרייט זיך, אללעס איז וויא איך — גליקליך!

עס איז נאר איין קליינער וואלקען אויף מיין הימעל — וואס מיר זיינען ווייט איינער פון צווייטען, וואס אום צו האבען דיר נעבען זיך מוז איך דיא פאנטאזיע אנווענדען... אבער דאס וועט לאנג ניט געדויערן. נאך דרייא מאנאטען און דאן ביסט איינע און נעבען מיר... וויא דערלעב איך שוין דיא גליקליכע צייט!

דיינער אויף עוויג שמעון.

46.

# נעמי צו שמעון.

מיין ליעבער ברויטיגאם!

דוא ביזט, מיין טהייערסטער, א קינסטלער! דוא שרייבסט ניט מיט א פעדער נאר מיט הארץ, מיט הארץ פול מיט ליעבע הייסע וויא פייער. דעם טאג וואס איך בעקום דיין בריעף פערשליס איך מיך אין מיין צימער קיינער זאל מיר מיין גליק ניט שטערין. איך לעז דיינע בריעף צעהנדליגער מאהל און געפין אין זייא אללעס מעהר און מעהר... פון שלאף לעז איך זייא. ביים טאג לעז איך זייא און ווען לעז איך זייא ניט? אח! שרייא איך אויס פון טיעפען הערצין—וויא דער לעב איך שוין דיא גאולדענע צייט אז איך וועל דיר שוין מעהר ניט רופען וויא יעצט „ברויטיגאם" נאר אנדערש און הייסער...

אין גאנצען דיינע נעמי.

49.

# צו אלכה.

מיינע טהייערע ליזא!

דער געדאנק דאס מיר געהערען יעצט איינער דעם צווייטען, דאס איך קען האפען און האב רעכט צוא זאגען דאס דו ביזט מיינע—מאכט מיר גליקליך. איך בין קיין מאהל אזויא פרייהליך ניט געווען, איך האב זיך קיין מאהל אזוי גוט ניט געפיהלט ווי יעצט זייט מיר זיינען פערלאבט, איך פיהל דאס איך בין גאר אנ׳אנדער מענש!

איך פיהל יעצט אז אללעס וואס מען האט וועגען ליעבע געשריבען איז אמת און היילינ. דאס איז דער בעסטער מעדיקא־מענט (הייל מיטעל) דעם לעבען צוא פערגיסען און איהם א ווערטה צוא צוגעבען, אהן ליעבע איז קיין לעבין. אהן ליעבע איז קיין פערגעניגען!

פון גליק האב איך קיין ווערטער ניט, פון גליק קען איך מעהר ניט שרייבען. נאר איין ערשטער בריעף זאל ניט צוקורץ זיין דערווייל איך נאך דיזע ווערטער: ווען עס איז דא אויף

דער וועלט אנדערען וואס פערשטעהען גייער גלייך, איז גאר
ערשטער פון זייא

דיין יונגער אפענהיים.

---

50.

# אנטווארט.

איינער, נור איינער יונגער!

איין גרעסטען וואונש וואס איך האב אין איין לעבען געהאט, האב איך ערריכט, דאז איין ברויטיגאם פערשטעהט וויא צוא ליעבען און בינט ליעבענס ווירדיג. נור ,,ווען אבער ערריכט איין וואונש, קומט גלייך א צווייטער", איין צווייטער וואונש איז יעצט אז איר זאלט אללע אזוהל דיא געפיהלען האבען איינער צום צווייטען און איר זאלט בייא יעצטיגע געדאנקען בלייבען...

שרייב איר וואס אפטר; פערגעניגען ווינשט זיך יעדער פיעל צוא האבען, און פערגעניגען פערשאפען איר ,,יעצט" נור דיינע בריעף.

איך קוש דיינע ליפען געבאורסקי.

51.

# צו לחתן.

ליעבער, טהייערער ברויטיגאם שלמה!

דאס איז איין לעצטער בריעף צו דיר. דעם לעצטען מאהל רוף איך דיר ברויטיגאם—נאך צוויי טעג וועל איך דיר שוין מיט א־'אנדער נאמען רופען... אלס אנטווארט אויף איין בריעף ביעגען, ערווארטע איך מיט אפפענע ארמען דיר זעלבסט, דיר מיט דיינע ליעבע עלטערן, דיינע שוועסטער און ברידער און גוטע פריינד. דיענסטאג וועט זיין דער בעסטער טאג פון מיין לעבען, דער טאג אין וועלכען איך מיך דעם שריט וואס א מענש מאכט אין וויל מאכען נור איין מאהל אין לעבען אויף אגאנצען לעבען. גיב גאטט עס זאל אונז ביידען צום גליק פיהרען!

אדיע, מיין טהייערסטער ביז דיענסטאג!

דיין ברויטע, וועלכע טראכט נור וועגען דיר

הלענא מינק

52.

# אמאקן צו אפריקא.

ליעבע גוטע חנה'לע!

דו האסט מיט אונגעדולד געווארט אויף מיין ערשטען בריעף נאך מיין אפרייזען. איך פיהל דאס געהער גוט. דו וואלסט שוין געוואלט וויסען וואס מיט מיר איז און צו האב איך מיין ציעל עררייכט. אלזא שרייב איך דיר אז מיר האט זיך איינגעגעבען— איך בין צו דער גוטער צייט נאך נויארק אנגעקומען: איך האב גלייך א פיינע שטעללע בעקומען אין א גרויסען מאנופאקטור געשעפט. מיין לאהן איז נאך דער ווייל אונבעשטימט, זייא דארפען זיך פריהער איבערצייגען וויא ווייט פעהיג איך בין; נאר איר ביידע וויסען דאך וויא גוט איך האב געארבייט אין מאסקווע און וויא געלאבט איך בין געווען בייא מיין פרינציפאל. דיא מענשען שיינען צו זיין גוטע, און איך פערהאף אז זייא וועלען פון מיר צו- פריעדען זיין און אויך איך פון זייא. און דאס איז מיין וואונש.

דיין דיך ליעבענדער מאן

בער ליבערמאן

58.

# אנטוואָרט.

טהייערסטער אונזער איינער!

דיינע געדאנקען האבען דיר ניט אָבגענארט: דיא פרויע ווארטען ניט אויף אשיח'ן מיט אזא אונגעדולד, וויא איך האב אויף דיין בריעף געווארט. און עס איז קיין וואונדער ניט. איר האבען דאך אין אזוינע געלעבט גוט און שיין, געהאט לעבענס מיטעל בכבוד און קיינעם ניט שולדיג געווען. עס איז אבער אצרה געקומען און האט אונזער רוהיגען לעבען אין פערלויף פון פיער און צוואנציג שעה צושטערט און צורואינירט אין גאנצען... איר זיינען געלאפען (אָדער בעסער: מען האט אונז געיאגט) וויא פון פייער וואו דיא אויגען האבען געטראגען. איר האבען אין דיא אונגליקליכע פאר אזאזוטען וואנדערונג אין באברויסק אויפגעגעסען דיא הויט פון דיא ביינער, אלעס פערזעצט, און פערטשכונ'ט, ביז דיר איז איינגעפאלען נאך נייארק צו פאהרען אוועלכע שטעלע צו געפינען. נו, האב איך ניט געדארפט ווארטען אויף דיין בריעף וויא אפערשולדיגטער אויף גי', משפט?

יעצט לעב איך גוט, איך ווינש זיך נור דוא זאלסט חתן
געפינען אין דיזע טאגען פון דיין שטאט (בעל הבית פון גע-
שעפט) און דאן וועלען מיר אי״ה אין אונזערע פרות קענען אנ-
הייבען פערגעסען און אמאל נאך פיללייכט אין פריידען דערציילען.

דיינע דיך שעטצענדע פרויא חנה ליבערמאן

---

54.

# אמאלן צו אפריל.

ליעבסטע טהייערסטע פרויא איינע!

איך בין דאך שוין דא דיזע אנדערע יאהר, איך האב דאך
דיר שוין צעהנדליגער בריעף געשריבען אויך ערהאלטען פון דיר,
און דאך פיהל איך יעדער מאל ווען איך שרייב דיר, אבעגונדערין
פערגעניגען : מיר דוכט זיך אז איך רייד מיט דיר אינדליק.
צווישענווייס גנב'ט זיך ארויס א זיפץ טיף, טיף פון הארצען——
איך דערמאן זיך דיזע גליקליכע צייט ווען מיר זיינען צוזאמען געווען,
וויא גוט מיר פלעגען זיך פערברייגען דיזע צייט, און וועלכע איך
בין פרייא פון ארבייט געווען... וואס קען מענש אבער מאכען?

אלץ אזוי צופריעדען זיין וויא עס איז. איך האָף אז עס וועט זיך לאנג דער צושטאנד ניט ציהען, איך וועל דיר מיט גאָט'ס הילף נאך ענדע הייניגען וואכער אבנעהמען צוא זיך, און מיר וועלען ווייטער צוזאמען זיין און פיהרען א שטיללען רוהיגען לעבען. פאָס אויף, גיה זיך צוא; דיא צייט וועט אריבער פליהען — דיא שלעכט'ס וועט אוועגגעהן און מיט דעם נייעם יאהר צוזאמען וועט אויך אונז גוטס קומען.

דיין מאַן, וואס טראַכט נאָר וועגען דיר דוד פינסקי.

---

55.

## אנטווארט.

גוטער מאַן מיינער!

דיין בריעף פון פינפטען מאי, וועלכען איך האָב היינט ערהאלטען, איז דער אכט-און-צוואנציגסטער; אכט-און-צוואנציג בריעף האָב איך פון דיר שוין ערהאלטען און צוא איינינגע מאהל געלעזען: דאָך האָב איך איהם וויא דעם ערשטען בריעף געלעזען, ד. ה. געלעזען און געוויינט. דוא פעהלסט מיר אויף יעדער טריט,

און איך פֿערשטעה יעטצט ניט וויא בין איך נארריש געוועזן
און האב דאן איינגעשטימט דוא זאלסט אין אמעריקא אוועק פֿאהרען.
וואס איז איין לעבין אהן דיר? גלויב מיר אז עס איז קיין שפּילונג
ניט ווערטה! היינט קענסטו זיך פֿארשטעללין וויא ווייט איין פֿרייד
איז געוועזן אז איך האב אין דיין בריעף געלעזין אז עס וועט אין אפּאר
מאנאטין ארום נעהמען א ענדע פֿון דעם איטציגען צוואַרפֿעלעם
לעבין! דיא צייטען זיין איינע טרערין געוועזן פֿריידע-טרערין. גיב
גאטט דיינע ווערטער זאלין אמיד ווערין און מיר זאלין נאך יא ן
פֿרייד פֿאר אונזער לייד.
דיין דיר איבערגעגעבענע פֿרויא שרה פֿינסקי.

---

56

# אפֿריקא צו אמאלן.

טהייערסטער שלמה!

דיינע בריעף זיינען בייא מיר אהיים אטעלע פֿון אללעס, אז איך
בעראהאלט פֿון דיר אבריעף פֿון דיין געזונד, בין איך שוין
צופֿריעדען. נאר דוא, איין ליעבער, ביזט אקאורגער אפּטייקער—

דוא טהיילסט איר צוא דיזע בריעף געלעזן און שרייבסט זעהר וויניג: איז דאס רעכט אזוי? נאך אלעין. דארף אזוי זיין?

איך, אויך אונזערע גיראטענע קינדערלעך, זאָלין לעבין, זיינען דאנקען גאט געזונד, זייא לאזין דיר אללע גריסען זייער הערצליך און ביינקען נאך דיר ניט ווייניגער פאר איר.

מיט איינציגע טעג צוריק האבין איר פון דיר אגערוס געהאט דורך א דורכפאהרער, איינער אלעווין; ער זאָגט דיר גוט און זאגט אז דוא זעהסט אויס אויך גוט—איהר קוואַטירט אויך אין הויף.

צום ענדע איין בריעף אז איך דיר אוויכטיגע נייעס שרייבען: איך ערווארט אין א פאר וואכען ארום זעהער אגוטען גאסט... איך רעכין אז צוליעב איהם וועט זיך איט דיר אין גיכען זעהען דיין פרויא

חיה פערלזאהן.

---

57.

# אנטווארט.

ליעבע טהייערע פרויא!

איך בין אסור ניט שולדיג אין דעם וואס איינע בריעף זיינען אזויא געלעזען אין קורץ, עס איז איבער דיזע רעכטע צייט פון

סיזאן געשעפט, און עס טרעפט טעג וואס איך עס גאר ניט ביז אבענד, און אבענד אז איך בין פערמאטערט פאל איך שלאפען גאנץ אפט ניט אויסגיטאן—אזויא בין איך בעשעפטיגט. נו, פערשטעה אליין קען איך אפט און פיעל שרייבען.

גערוס אונזערע צווייא ליבע קינדערלעך. אויך דעם ליעבען גאסט ווארט איך מיט דעם גרעסטען אונגעדולד: גיב גאט ער זאל מיט פערגעניגען קומען, דאן וועלין מיר זיך געהען גאנץ בעשטימט. האב אללעס אנגעגרייט פאר דעם גאסט!

דיין דיך עוויג ליעבענדער מאנן יונה פעריואמן.

---

58.

# אמאן צו אפריקא.

טהייערסטע פרויא איינע!

מיט פריידע האב איך דיין בריעף געלעזען, און וועלכין דוא שרייבסט מיר, אז דוא אויך אונזערע ליבע קינדערלעך בריינגען וועגען מיר און הערין ניט אויף מיר צו דערמאנען. גלויב מיר,

איינע טהייערע, אז איך טראכט אויך נאר וועגען אייך און פיעל זיך עלענדער דאן אהן אייך.

איך וועל אין גיכען אהיים קומען אויף צווייא וואכען. דאן וועט זיך מיט אייך פרייען אייער אייך הייס ליעבענדער

זלמן גיטעלזאהן.

---

59.

# חיים צו נחמה'ן.

טהייערסטע נחמה!

וואס איז דיזא אורזאכע וואס איך האב פון דיר גאר לאנג קיין בריעף? ווייסטו דען ניט אז איך בין פון דעם געהער אונרוהיג? איך ווייס ניט וואס איבער צו טראכטין, עפעס איז דארטין גיין, אלזא שרייב מיר גלייך פון דיין געזונד און פון אונזערע ליעבע קינדערלעך. זייא גזוין אייגענהענדיג דעם בריעף אונטער שרייבען, איך האב שוין מעהר קיין געדולד ניט!

דיין אונרוהיגער מאנן חיים גראסמאנן.

# בריעף פון פריינד.

61.

## צו א פריינדין.

בעסטע קלארע!

אלס איך בין אין אייראפא געווען ביסטו מיינע בעסטע פריינדין געווען, פאר וועלכע איך האב אללעס אויס דערצייהלט, און יעצט אז איך בין אין אמעריקא ביסטו אויך דיא איינציגע פאר וועלכע איך מוז אללעס וואס בעווייזט מיר קומט פאר אויסשרייבען.

אין דיעזען בריעף טהייל איך דיר מיט א וויכטיגע נייעס: איך בין פערלאבט געהער גליקליך! מיין ברויטיגאם איז א שיינער, א רייכער און א גוטער מענש. אויך בילדונג קומט אים דא ניט — אים דארף א מענש זיין, פעהיג זיין צו געשעפט און צו פיהרען א הויז, און דאס אללעס איז ער פאללקאם.

מיר האבען זיך אויף א חתונה בעקענט, איך בין איהם געפעלען געווארען און ער — ווי אנ׳אמעריקאנער, אהן קונצען —

60.

# אנטווארט.

מיין גוטער חיים!

דיין בריעף האב איך ערהאלטען. דוא וואונדערסט זיך וואס איך האב דיר זא לאנג ניט געשריבען, דוא ביזט דער פון געהער אומרוהיג און ווייסט ניט וואס איבער צו קלערען. אלזא שרייב איך דיר דאס איך און אויך אונזערע צוויא קינדערלעך זיינען דאנקען גאטט געזונד, אין הויז איז אללעס אין בעסטען ארדנונג: נאור דיא קינדערלעך זאלין לעבין לאזין ניט שרייבען — איך בין מיט זייא בעשעפטיגט גאנצע טעג, און ביי נאכט אז איך לייג זייא שלאפען בין איך געהער איבער און פאל אויך שלאפען. דאס איז דיא איינציגע אורזאכע פון מיין ניט אפט שרייבען צו דיר.

דיין פרויא אסתר גראסמאן.

האט איין האנד געבעטין אין אוועק ארויס. ער האט געבעטען נור איין האנד, אבער איך האב איהם אויך איין הארץ געגעבין...

דיין פריינדין טאניא רוזענבלאט.

---

62.

# אנטווארט.

ליעבסטע טאניא!

איך גראטולירע דיר! איך ווינשע דיר זייער גליקליך צו זיין מיט דעם וואס דו האסט מיט דיין האנד בעגליקט. אמעריקא איז פארט א גליקליכער ארט! דו ביסט דארטען אין גאנצען פינף מאנאטען און האסט שוין אזא גליקליכע פארטיע געטראפען.

איך האב גלייך אללעמען אנגעזאגט דיא פרייליכע נייעס, אללע ווינשען דיר גליק און געגען מיט דיין הערצענס געליבטען צוזאמען.

שרייב מיר ווען ווערט מיט גליק אייער האכצייט זיין: איך האב מיר ניעמאלס פארגעשטעלט אז איך זאל אויף דיין האכצייט נית זיין. אנדערש קען אבער נית אויסרעכענען: אט ביסטו אין אמעריקא אוועק און דו ווערסט אן'אמעריקאנקא.

גריס דיין ליעבען ברויטיגאם אין מיין נאמען; איך בעט איהם ער זאל דיר איממער ליעבען און שעטצען וויא דוא ביזט ווערטה.

דיין פריינדין קלארא שפרינ־צאן.

---

63.

# טאניא צו קלארען.

ליעבע גוטע קלארע!

איך האב מיין יונאב'ן דיין גערוסס איבער געגעבען, ער האט אויך ביי איר דיין פאטאגראפיע (בילד) געזעהן, ער זאגט אז ווען דוא זאלסט אין אמעריקא קומען, וואלסטו אויך אגוטע פארטייא געטאהן, איך מיין אויך אזויא, דוא האסט דאך דיא אברודער און אשוואגער, אויך דיא רייזע—יעצט, דער אנפאנג פון זומער איז דער צוא דיא בעסטע צייט.

קום, ניט אנדערש! איך האב אגוטען צוקונפטיגען שוואגער, דוא וועסט איהם געפעלין און ער דיר אויך. אשדכנ'טע וועל איך אליין זיין. קום, מיינע טהייערע, קום און מיר וועלין געהען מיינע אויך דיא צוויטע נאר גוטעס.

דיינע דיך שעצענדע טאניא.

64.

# צו א פריינדין.

ליעבע בעסטע סאפיא!

דוא האסט איר פיעל פערגעניגען פערשאפט מיט דעם וואס דוא שרייבסט אז איינע בריעף פערשאפען דיר אימער פער- געניגען. א הארץ פיהלט א הארץ—בייזו איר איז פראסט א יום טוב דער טאג אין וועלכען איך דערהאלט פון דיר א בריעף, אין אויך ווען איך שרייב דיר א בריעף. איר דוכט זיך אז אזא איבערגעבענע פריינדין וויא איך בין דיר, האסטו ניט נאך איינע; אלזא איז איין וואונש דאס אונזערע בריעף זאלען ניעמאלס אויפהערען.

דיין פריינדין רחל גוטקינד.

---

65.

# צו א פריינד.

ידידי יקר ונחמד!

פאר איין אפרייזען האב איך דיר פערשפראכען אפטע בריעף צו שרייבען, נאר איך האב ניט געהאלטען ווארט: לס

איז שוין אפט וואכען וויא איך בין דא און האב דיר נאך ערשט איין קליינעם בריעף וועגען מיין אנקומען נאך אפריקא געשריבען. דוא האסט שוין געוויס געמיינט אז איך בין געווארין אפאולער איינגלענדער און שעם זיך ניט מיט אליעגען, עס איז אבער ניט אזויא! איך האב דיר ניט געשריבען ווייל איך האב ניט געקאנט שרייבען אבער ניט געהאט וואס צוא שרייבען. דיא אונטערשטע שורה איז אז—אין אפריקא ליעגט אויך קיין גאלד ניט אויף דיא גאסען, ביז מען קומט אין אפריקא טרייסיעט זיך גאנצער אויס דער מאגען, אבער קיים קומט מען שוין אויף אנ'זארט ווייזט דער מאגען אז ער איז דא, ער קוקט גאר ניט וואס אפריקא איז דיא גאלד—לאנד און ער וויל פשוט גיינס... ער—דער מאגען— איז אשלעכטער מאנער, ער ווארט ניט אויף מארגען, אירם קען מען ניט אסאך גיין מיט ווערטער.

יעצט נעהמט זיך מיר עטוואס אהאפענונג ווייען, אז איך וועל אייך זיך בעזעצען וועל איך דיר אפט שרייבען. שרייב פון זיך.

ידידך אהרן טענענבוים.

66.

# אנטוואָרט.

טהייערסטער פריינד אהרן!

איך מוז דיר שרייבען אז איך האָב גאָר ניט אנגעפאַנגען צווייפלען אין דיין וואָרט, און איך גלויב אז אין ענגלאַנד איז אויך דאָ מאַת'ע אעלעכשון. איך האָב פאַרשטאַנען אז דיא ערשטע צייט בעפאָר מען אָרדענט זיך איין איז ניטאָ וואָס צו שרייבען און ווען צו שרייבען. דאַנקען דעם ע'וויגען וואָס דיר ווייזט זיך א האָפפנונג. געבענשט איז דיא לאַנד וואו מען קען חאַטש האָפען! גיבע גאָט דוא זאָלסט צופריעדען זיין מיט אפריקא.

פון זיך וואָס זאָל איך דיר שרייבען? איך האָרעווע ווי א אעזעל און האָב וואָס פרעה האָט געהאַט... אזוי דוא נאָר דאָרטען אלעבען וועלען איר זיך דורך שרייבען, פיללייכט וועל איך אויך געהן אין אפריקא.

דיין פריינד מרדכי גאאגע.

67.

# צו א פריינד.

מיין בעסטער פריינד רפאל!

וואס מאכסטו, ליעבער פריינד? שוין לאנג, לאנג האבען מיר זיך ניט דורכגעשריבען! נאר ווי איך געדיינק ביזטו מיר אמאל חוב געבליבען — דו ביזט מיר שולדיג אן ענטפער. דו ביזט אבער אין שרייבען א שלעכטער צאהלער, אלזא וויל איך דיר אז גוטע פריינד קענען אויך זיין גזאק ניט און איך גיב דיר פון דאס נייע אקאונטע — איך שרייב.

ווי לעבסטו, ווי געהט דיר און מיט וואס בעשעפטיגסט דו זיך? איך בין זעהר גערען דאס אללעס צו וויסען.

אין פערלויף פון צוויי — דריי חדשים דארף ביי מיין עלטערע טאכטער מיט מזל חתונה זיין, אלזא וועל איך דיר, ליעבער פריינד, בעראונטערען אביסעל און איינפוילען פון מיין שלאף. דו ווערסט דאך ביי מיר דער בעסטער און ערשטער גאסט זיין.

דיין פריינד מיכאל בערנשטיין.

# אנטווארט.

ידידי היקר איצאל!

היינט אלס איר זיינען אללע בייא איר אין הויז בייא טיש געזעסען, האבען איר גראדע וועגען דיר גערעדט. וואס קען דאס זיין — האט איין פרויא געפרעגט — וואס בערנשטיין האט אויך געהערט צוא שרייבען? איז ער בייז אויף אונז אדער ער האט אונז פערגעסען? איך האב איהר אויך דיא ווארהייט קיין ענטפער ניט געהאט צוא געבען, נאר דער בריעפטרעגער האט איר פון פערלעגענהייט בעפרייט — ער האט איר דיין בריעף געבראכט אויף וועלכען איך האב „שהחינו" געמאכט.

איר זיינען אללע דאנקען גאט געזונד, פרנסה ניט צוא פער-דינען האבען איר, און אגב לעבען איר זיך דא אין דיא קליינע שטעדטיל. געוויהנליך קומט עס ניט צוא דיין לעבען אין נויארק. נאר איר קאנטרי-לייט בעגנוגען זיך מיט דאס וואס איר האבען.

אויך דיין טאכטערס חתונה אי״ה וועל איך קומען מיט איין פרויא. זיא זאגט אז דוא ביזט דאס ווערטה.

אללע איינע קינדער גריסען דיין גאנצע פאמיליע.

דיין פריינד רפאל ראבינאוויץ.

---

96.

# מיכאל צוא רפאלן.

בעסטער פריינד רפאל!

גאנץ גוט איך בין צופריעדען! אונזער אלטע פריינדשאפט איז גיך אויס געלעגען ביז אצייט, יעצט האבען מיר איהר אויס געלופטערט, און זיא וועט ווידער פריש זיין.

איין פאמיליע זייגען אונענדליך צופריעדען פון דיין איינטהיילונג דאס איהר גייט אללע געזונד און האט פרנסה. איין טאכטער דיא כלה זאגט אז איהר קומט אדאנק—ווען זיא וואלט דעם חתן ניט וועלין, וואלט זיא קיין כלה ניט זיין, און ווען זיא וואלט קיין כלה ניט זיין, וואלט איך דיר אויך חתונה ניט געבעטין, און וואלט פילייכט נאך ניט צוא קלייבען זיך צוא שרייבען צוא

דיר. דער חתן אבער זאגט אז דער דאנק קומט איהם, איך
האב זייא אבער געזאגט אז דער דאנק קומט דיין גוטע פרויא
וועלכע רופט זיך אויס אייך חתונה צוא קומען, אלזא דאנקען
מיר איהר אללע.

דוא שרייבסט אז דיין לעבען אין קאנטרי קומט ניט צוא איין
לעבען אין נויארק, מען דארף ניט ערגער ווי וואהנען אין א גרויסע
שטאדט: מען לעבט ניט ווי מען וויל, עס איז אללעס ווי מיט
א מאשין געמאכט, זאגאר דער פיהרונג אין הויז... ניין, ליעבער
פריינד, ניטא וואס אגנא צוא גיין.

דיין פריינד איבאל בערנשטיין.

---

70.

# צו א פריינד.

בעסטער פריינד!

אין מיין יעצטיגע שלעכטע לאגע האב איך זיך ניט צוא ווענדען
אין וואו צוא ווענדען אויסער צוא דיר. דוא האסט מיר אמאהל
אין דיא גוטע יאהרען פיעל טובות געטאהן, דאגן אלס מיר איז

גוט געווען און איך האב פיעל פריינד געהאט. דוא, אלגא, דעכען איך וועסט איר יעצט אויך ניט אבגאגען, יעצט—ווען דיין פריינדשאפט צוא איר קען איר איין פינסטערע לאגע בערויבטען.

איך וועל דיר פיעל ניט אנרייבען, קורץ און שארף: איך בין הכ'ארוז-אזונן! פון איינע אווע געשעפטען האט זיך אויס-געלאזען דאס איך בין אהן זוסענט געבליבען... איך בין גאנזאר נאר אפאר פאלן, אבער צוויא אלנשען דארפען אויך קאסטען כו גאן גייא ליבען.

גלויב איר ווערטהעסטער פריינד, או דעם ביטערין מאת ווייס נאך בייא איר בער וויילע קיינער ניט, איך האב דאס נאר דיר קענעגט.

דיין אונגליקליכער פריינד

בניאמין שערעשעווסקי.

---

71.

# אנטווארט.

טהייערסטער פריינד בניאמין!

איך בין אויסער זיך פון דיין בריעף, עך האט איר וויא

אַ קויל געטראָפען! דאָ, איין בעסטער פריינד, ביזט אַזויא אונ-
גליקליך? דאָ דאַרפסט ריידען וועגען אונטער האַלטען דעם לעבען
פון דיר מיט דיין פרויא? אַך, וואָס איינע אָהרען הערען!..
נאָר מיט קינות איז אבער ניט גוט... איך שיק דיר צוויא
הונדערט דאָללאַר, אַז גאָט וועט דיר העלפען וועסטו מיר גייא
אָבשיקען; און אַז דיזע געלד וועט בייא דיר אויסגעהן וועל איך
דיר נאָך לייען, שעם זיך ניט פאַר מיר—אויסער מיר וועט עס
קיינער ניט וויסען.

דיין פריינד בונם איאַניטזאַוו:

---

72.

# בניאמין צו בונם.

איין טהייערער פריינד!

דאָ האָסט אונז, ד. ה. מיר און איין ניבערגעשלאָגענע פרויא
אַנשאַה אַריין גיגעבט. יעצט פערשטעה איך וויא ריכטיג עס איז
דער שפּריכוואָרט: „אַ גוטען פריינד דער קענט מען אין אַ שלעכטע
צייט". יעצט אַז איך האָב ניט געהאַט צוא וואָסען צוא שרייבען

ניק, אז איר איז געקומען גאנץ שלעכט, האסטו איר וויא דיא גאנץ דיא פינסטערע נאכט ערוואכטען. גאט זאל דיר העלפען, דוא און דיינע ליעבע קינדער גזונט זייט אייער לעבען פון קיין שלעכטעס ניט וויסען.

בייא איר איז געבליבען איך זאל איין הויז פערקויפען, ווארום צוא וואס זאלען מיר נוצען אין דיא קליינע שטעדטיל? איך וועל פאר איהר נעהמען עטליכע הונדערט דאללער, און וועל מיט דיא געלט ארויס פאהרען אנדערש וואו, וואו מען קען איר ניט—דארטען וועל איך אליין געשעפטיל עפענען און וועל מאכען א לעבען. וויא איז דיין עצה? שרייב.

דיין פריינד בניאמין שערעשעווסקי.

---

73.

# בונם צו בנימינ'ן.

מיין בעסטער פריינד!

דיין פלאן געפעהלט מיר. און אלזא קענען דיר אללע פאר א געפאללענעם בעל-הבית, דאס איז ניט אנגא צוא גיין! דארטען

אבער אין א פרעמדע שטאדט וועסטו זיך ערפרעגען נאך דיין
קאפיטאל נאך א געשעפט, אין גאטט וועט דיר העלפען. וואס
קען דיר געבין דיין היים אין דער וויסטער שטעדטיל אלטונא?
בעססער א רייכער שכן איידער אנ'אריאער בעל הבית...
דיין פריינד בונם איציאן ישראל.

---

74.

# אנפראגע-בריעף.

ידיד יקר!

עס לויגט מיר פאר א שידוך פאר מיין טאכטער מיט ה....
אגאורן. אלזא בעט איך אייך, בעסטער פריינד, מיר אלעס
גענוי וועגען דיא פאמיליע און דעם יונגען מאן צוא שרייבען.
איך פערלאז מיך אויף אייך ווייל איך וויס אז אויף אייך קען
איך זיך פערלאזען.
אייער פריינד וואס ערווארטעט אייער אנטווארט.

חיים אייזעל.

---

75.

## אנטווארט.

בעסטער פריינד ר' חיים אייגען!

איך האב וועגען דעם ענין וואס איהר האט מיר געשריבען גוטע אויסקינפטע בעקומען—גוט פון אלע זייטען! אבען אוג אובה גיין אז אשדכן קען איך אזוהל פאר לייגען אגלייכע זאך, דער ענין געפעהלט מיר זייער. איך ראטה אייך נאך בייזן וועלען אייך צו פרעגען, „איין עצה איז גוט—צוויי נאך בעססער"!

ידידי שמעון גאלדבערג.

---

76.

## אויף אנ'אנדער ארט.

מיר טוהט לייד, איין פריינד, וואס איהר האט זיך וועגען אויסקינפטע איבער דיזע פאמיליע ה.... צו מיר געווענדעט, „איך" קען אייך קיין גוטע איינונג ניט געבען. קיין שלעכטעס

רייד איך ניט, ווארום איך האב ניט וואס.

אייער פריינד, וואס שטעהט אייך צוא דיינסט.

דזשאן דאגען.

---

77.

# אויף אנ'אנדער ארט.

דיזע הויז ה.... אויף וועלכען איהר פרעגט בייא איר אין פערלאנגט ניך אויף איין אייניגע, האט איר אויך דאס זעלבע געשריבען: זייא פרעגען בייא איר אן אויף אייער זאכען, אויף אייער הויז אין פערלאנגען ניך אויך אויף איר. אלזא שרייב איך אייך ביידען דעם זעלבינגען נוסח: איר גיפעהלט דיזע זאך זעהער פאר פאסענד, און איך פערשטעה אז דיזס האט פאר גילייגט א סותר׳ישער אפנש, ניט א פלוידערזאן א שדכן גיב גאוט דאס זאל עס אלז אויסגעפיהרט ווערען אין אגוטע שעה.

אייער פריינד פון טיפען הארצען דוד ווערבער.

---

# איינלאדונגס־בריעף.

78.

בעסטער פריינד!

ס׳איז געקומען א צייט אז דו קענסט מיר ווייזען ווי ווייט דיין פריינדשאפט צו מיר איז, און ווי ווייט דו געדענקסט מיר — ביי מיין עלטערן זוהן וועט אי״ה אין צעהן טעג ארום חתונה זיין מיט מזל. אלזא מוזט זיך רייזע פערטיג; די חתונה וועט זיין אין שיקאגא, אז מיר וועלען ארויס פאהרען וועל איך דיר דעפעשירען, דו וועסט אויף דעם באהן קומען און וועסט מיט אונז מיט פאהרען.

דיין פריינד ד. שמורעניסקי.

---

79.

# אנטווארט.

טהייערער דניאל!

דו פערשפארסט מיר פיעל צו בעטען, איך וועל אי״ה געוויס מיט מיך פאהרען אויף דער חתונה אז מיר וועלען [illegible]

גוט פערבריינגען. דעפעשיר איר נאר מיט א טאג פריהער מיט וועלכען צוג איהר וועט דורך פאהרען, איך זאל קענען איין גע-שעפט איבער לאזען אויף עטליכע טעג.

דיין פריינד אברהם שאמבאזאל.

---

80.

# איינלאדונג צו א תנאים.

בעסטע פריינד!

אונזער ליעבע טאכטער ווערט מיט מזל א כלה, איר טוהען א פארטייא נאך אונזער ווונש. דעם קומענדיגען דיענסטאג וועט זיין תנאים, אלזא בעטען איר אייך אונז צו בעעהרען מיט אייער ערשיינען צו אונז, און אנטהייל נעהמען אין אונזער הויז יום-טוב.

אייערע פריינד, וועלכע זיינען בערייט אייך מיט דאס זעלבע צו דינען צו יעדער צייט.

גלאן און חוה שלייזווראהן.

---

81.

# צו א ברית.

בעסטער פריינד!

גאט האט מיר מיט א זוהן בעגליקט, געסטערן דאס מארגענס האט מיין ליעבע פרויא מיר א זוהן געבוירען. אונזער פריידע קענסטו דיך פארשטעללען. אלזא בעט איך דיר ניט אנדערש צום ברית צו קומען.

דיין פריינד זלמן לייהוויג.

---

82.

# גראטולאציאן בריעף.

בעסטער פריינד!

דיין פערלאבונגס-קארטע האב איך ערהאלטען, איך ווינש דיר דאס איינציגע: עס זאל ערפיללט ווערען וואס דוא אין דיין געעהרטעסטע ברויטע ווינשט דיך געלובסט.

דיין פריינד באריס שאטענשטיין.

---

83.

# טרויסט בריעף.

ווערטהער פריינד!

איך האב ערשט היינטע ערפאהרען פון דעם אומגליק וואס דיך איז געטראפען, דאס דוא האסט דיינע ליעבע גוטע פרוי פער-לוירען. אך! וויא נעם איך גאר פיעלע ווערטען איך זאל קענען אויף דעם פאפיר אויסדריקען דאס וואס מיין הערץ פיהלט?

עמו אנכי בצרה! איך געה געפיהליך אריין אין דיין לאגע מיין אונגליקליכער פריינד. איך פיהל דיינע גרויסע שווערע שמער-צען. דען ווער ווייס נאך וויא איך וואס פאר א שאטץ דוא האסט פערלוירען?

אבער וואס קען מען העלפען. געגען גאט'ס שטראפע העלפט קיין פראטעסט, דוא ביזט הארט בעשטראפט געווארען, עס איז שוין א פערפאלענע זאך, און דוא מוזט יעצט בעווייזען אז דוא ביזט א מאן מיט מוטה, א טאפפערער העלד וואס קען געדולדיג ערטראגען דעם לעבענסקאמפף, דען וואס וועט דיר העלפען דיין פערצווייפלונג, דיין וויינען און דיין קלאגען.

משה, מיין פריינד! כל זמן איהר לעבען, דארפען איהר זיין אמאל ביים מוטה ניט פערליערען, דיין פרויא איז יעצט געגאנגען אין דעם וועג וואהין איהר אללע מוזען געהען און ווען גאט האט פון דיר אזא שטיטצע צוגענומען, וועט ער געוויס פון היינט און ווייטער אליין מיט זיין האנד דיך שיטצען און שטיטצען.

איך גלויב אז דוא ביזט מאן גענוג דיזען שלאג צוא ערטראגען זייא מוטהיג און געטרויסט ווי דיר ווינשט דיין פריינד

יצחק דוב אייזענשטיין.

---

84.

## צו א פאטער וואס זיין זאהן איז געשטארבען.

מיין ליעבער פריינד!

ווי א דאנערשלאג האט מיך געטראפען דיין נאכריכט, דאס דיין ליעבער זאהן איז פון דיר אויף אימער אונד עוויג אבגע-ריסען געווארען. ווען איך זאל וויסען אז מיט ווערטער קאנסט דוא געטרויסט ווערין, וואלט איך געשריבען און געשריבען גאר אהן

אן אויפהער אויף דיינע גרויסע שמערצען צוא ערלייכטערען. אבער אז מיט ווערטער קען מען גזאָלכע וואונדען ניט היילען, דארום געפין איך פאר נעטהיג דיך אויפמערקזאם צוא מאכען אויף אייניגע זאכען.

איר בײדע ווייסען אז אונזער וועלט איז פול מיט צרות און שווערע ליידען. איר ווייסען דאס ווארט ,,גליק'' וועלכעס ליעגט אין אונזערע מיילער איז נור א פוסטע פאנטאזיע, א נארישע איינבילדונג. איר רעדען אימער פון גליק, איר יאגען זיך נאך דעם, אבער איר געפינען עס קיין מאהל ניט.

דער אלטער פילאזאף קהלת האט שוין דאס לאנג בעמערקט און האט דארום געזאגט: ,,ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים'', ד. ה. איך בין פיעל מעהר מקנא דיא טויטען וואס זיינען שוין לאנג געשטארבען אלס דיא מענשען וואס לעבען. וויא עס ווייזט אויס פיהרט זיך דיא וועלט פון צווייג זין אנויא, אלע מאהל האבען דיא קלוגע מקנא געווען דיא געשטאר־בענע און עס איז פיעל מעהר צוא בעדויערען דיא לעבעדיגע אלס דיא וואס האבען שוין גיכער לעבענסמאנדעל געענדיגט. דיין

גזוהן איז יונג געשטארבען. אללע זיינע פריינדע און בעקאנטע בעדויערען איהם. זיינע עלטערין פערגיסען ביטערע טרעהרען אויף זיין פרישען גראב און ער אליין ליעגט זיך גאנץ רוהיג אין זיין שטילען קבר. ער הערט ניט וואס ארום איהם טהוט זיך. ער זעהט ניט דיזע פיעלע ליידען וואס טאנצען ארום דיזע לעבעדיגע ער דארף שוין וועגען קיין זאך זארגען, פאר קיין אונגליק פירכטען און דער געדאנק אליין דארף אונז אביסעל בערוהיגען. צו וואס שטערבען מיר דען אללע ווען ניט צום גראב? מיט וואס ענדיגט זיך אונזער אללעמענס איהע ווען ניט מיט דעם טויט? אלזא לאזט מיר ווארטען ביז עס וועט קומען דיזע צייט און מיר וועלען אויך איבער געהן אין יענער געהייאניספאללער וועלט וואו דיין גזוהן בעפינדעט זיך יעצט.

איך ענדיג איין בריעף מיט דיזע ווערטער גאטט זאל דיר טרויסטען, דאס ווינשט דיר פון טיעפען הערצען דיין פריינד

דזשייקאב דזוגען.

# ערשטער אבשניט

## 1.

**איין ברודער בעט דעם אנדערען אום הילף , אונד בעט איהם איבער וויל ער האט איהם ניט געהארכט זיין גוטען ראטה , אונד איז לײדיג געגאנגען אונד שטענדיג שפאצירט מיט שלעכטע געזעלשאפט ;**

לאהובי אחי היקר ה״ה יששכר בער נ״י.

ליבער טרייער ברודער, איך ווייס דאס דוא ביסט זייער בייז אויף מיר, דוא האסט געוויס זייער רעכט געגען מיר איבריג געהאט, אונד ערשט נאך מעהר וויל איך האב דיך ניט געהארכט, דיא גאנצען וואכען האב איך זייער וועניג געארבייט, דאס איז וואהר וואס דוא האסט מיך געשטראפט, דאס דורך שלעכטען געזעלשאפט קען מען אין דאס גרעסטע אונגליק קומען, ווען וואהל וואלט מיר געוועזען, דאס איך וואלט דיך פון קינדהייט אן געהארכט אונד געפאלגט, וואס העלפט דאס אבער ווען ערשט איז ווינטער איך בין ווי ארם אונד בין ווי נאקעט, איך קען ניט גיין פארדינען ניט פאר זיך, ניט פאר מיין ארים הויז-געזינד, מיר האבען ניט גאר דאס שטיקעל טרוקען ברויט, איך בעט דיך טרייער ברודער האב מיטליידען מיט מיר, העלף מיר ערשט דאס איך זאל דער וויל קענען איין לעבענסמיטעל מיר שאפען, איך וועל איך ווייטער געוויס בעססער אויפפיהרען, אונד וועל וויעדער הארכען דיינע ראטה, אויך וועיך דיין הערץ געגען דיין ארמען ברודער, עס איז וואהר איך האב געזינדיגט, איך האב דען גאנצען וואכען שפא-צירט, געוויס האב איך ניט רעכט געטהאן, געמט דארף איך שטראפען, איך בעט דיך מיט טרערין פארגעס ניט אן מיר, איך ווייס דיין גוט הערץ וועט מיר

געוויס פערפיהרען (אוהל מוין), גאט וועט דיר האנדערט אמאל בעלוינען, און זעהסט זעהן פיהל גוטס פון דיינע קינדער.

דיין טרייער ברודער שלום גוטמאן.

---

## 2.

### זיינע שיינע אנטווארט (תשובה) פון זיינעם ברודער

מיין ליבער ברודער, דיא וואָלסט מיר געוויס ליב זיין, נאָר וואָס קען איך דיר העלפען, ווען דוא העלפסט דיר אליין נישט, ערשט איז דיר שלעכט, ביזט אָרים ביזט נאַקעט, וואס האָב איך צו דיר געשריבען, ביזט שטענדיג ארום שפּאַצירט מיט דיינער ליבען געזעלשאַפט און האָסט נישט געוואָלט קיין זאַך טאָן, גאָר נישט פאַרדי- נען, ערשט אום ווינטער איז דיר שלעכט, עס איז ריכטיג ווי איך האָב איין מאָל געלייענט, דאס אין איין ווינטער-טאָג האָבען אמייזען (מוראשקען) געטרי- קענט נאַסען ווייץ וועלכען זייא האָבען זיך אין זומער אָנגעגרייט נאָך זייער געוואוינהייט נאָך, איז געקומען איין הונגעריגער היישעריק און האָט געבעטען פון דיא אמייזען איזט שפּייז אום צו העלפען. דיא אמייזען האָבען אָבער איהם געפרעגט פאר וואס האָסטו דיר נישט אָנגעגרייט אום זומער אויף דעם ווינטער אזוי ווי מיר טוען, האָט דער היישעריק געענטפערט דאָס ער האָט זומער קיין צייט געהאט, דען ער איז געווען בעשעפטיגט מיט דער קונסט פון זינגען (ווייל זיא זומער פייפען טהוט). נון האָבען דיא אמייזען (מוראשקעס) איבער איהם שטאַרק אָנגעפאנגען צו לאַכען, און האָבען צו איהם געזאגט, ווען דוא האסט זומער געפייפט גייא ווינטער טאַנצען, גייא דוא אויך איין ברודער ווען דוא זומער געשפּאַצירט האסט, גלייך יעצט אין דער האנד, דיר קען איך גאר נישט העלפען.

פיר דיין וייב אונד קינדער וועל איך וואס שיקען וויל זיא נור איבער דיר נאך לעבען, זיא געזונד אונד בעססער וועט דיר גאט אליין העלפען.

דיין ברודער יששכר בער

---

## 3.

**איין פאטער שרייבט צו זיין טאכטער, דאס זיא זאהל זעהן גוט צוא ערציהען אירע קינדער, דען פרויען ליבען דיא קינדער פיל נאך צו געבען.**

לבת האהובה התבונית מרת גרונה יענטע.

מיינע ליבע טרייע טאכטער, איך מוס דיר ערשטענס פיעל מאהל צו גרוססען. אונד וינשע דיר מיט דיינען ליבען קינדערן איינע גוטע געזונדהייט, גערע זיא זאללען גיק ערצעהלען אויפפיהרען, איך זאללין זיא געהאררבזאם זיין, לעהרען זיא דאס זיא זאללען גאטטעס פורכטיג אונד אורטיג (בדרך ארץ) זיין, עלטערן אערנשטין זאללין זיא שעשט ענטגעגען רידין, קיינע פערוויזאבריא (רמיזות) שט אונטער אלענשין צו מאכין, מיט ווילדין קינדער זאללין זיא שט ארום גיין, זיא שט געווינען צו נאשין, אונד פון שטערקע געטרוינקע זיא אבצוהאלטין, אויך זיא צו שיצען פון אנדערע זאכין וואס קען זייא שעדליך זיין דען דיא געוואוינהייט צום שלעכטין קען מיט יעדען טאג גרעסער ווערין, גויא וויא ווילדפלייש אין איינין וואונד, דער נאך ווען דיא געוואוינהייט צום שלעכטין איז שוין גרויס, ברויך מען שוין גאר פיהל מיהע אנצוווענדין אום דער פון אבצוהאלטין, דאס אוז אלין גאנץ גוט פערגעזען פון קינדהייט אן, דיא לעהרער שטארק צו בעטטין אונד זייא גוט צו בעפרידיגין, דאס זייא זאללען אויך געהען דיא קינדער אין אכט צוא נעמען.

גייא שטרייגג צו האלטען, אויך דוא זאלליין טוא ניט וויא זאנדערן אונטערס טוען
איט גייערן קינדער, וועז גייא וואס שלעכטס טוען, שט גינוג דאס גייא שטראפען
אליין שט, ווילען גייא פאר דעם פאטער שט זאגגין, דאס ער זאלל גייא שפט
שטראפין, שט שלאגגין, אונד דער פון קוואט זורויס זאללעס בייג אין דער וועלט
גייא איינצען, דאס גייא ליבען גייערן קינדער, גייא טייטין גייערן קינדער, וען גאה
גרויס וערין, הערשין גייא איבער גייערן עלטערין, דער כאזק פאר גריסט גייא,
כעאצן גיק דאס לעבין אונד קענען גיק שטהעלפין, זוס גאוטעס ווילין גייא דוא
שט איינען נאריש אונטער וויא זונדערע, זויק הזאב זאליין גיגעהען בייא גייער
איין רייבין צאן, הזאט גיק איין קינד שטארק פון זונזונדער גיווינט, ער זיז שוין
גצווצגין אין פינפטען יאהר, פזור דעם וואס דער יונג הזאט זוירם גיין ווילען שט
גיטאן וואס צר הזאט פערלאנגט זוין איז גיגאנגען איט לזורעם איט גיוויין צו דער
אונטער קלאגין, דיא נארישע אונטער זויז גלייך געלאפין צו דעם יונג, איט גרויס
פארען, אונד הזאט אנגיפאנגען איס צו שלאגין ווארום צר טוט שט דעם קינד
וואס צר פערלאנגט, דער יונג אבער הזאט איר גיענטפערט וען גיא אליין וועט
דאס פערלאנגען וועט צר אויך שט טאן, נון איז גיא כזאק אפהר בייז גיווארען
אין גיא איז געלאפען צו זויהר אזין וועלכער זויז גיוועגין זוין דער פירטצ שטוב
איט גייער פיל אפנשין פערנואצען אין גישעפטין, איט איין גרויס גישרייא זוינד
געוויין דאס דער יונג צסט זאפ דעם קינדס הזורן אין רעט איהר זגוי זוקייגין
אין הזארבט זויהר שט, דער אזין איז גלייך זורויס גילאפין איט גרויס היך זוינד
פארען צו דעם יונג, זוין אלע גצסט הזאבען גיק דורק דעם פענסטער זורויס
גיוויגט, ער פרעגט דעם יונג, וואס הזאט דאס קינד פערלאנגט פאן דיר, אונד

וואס האסטו געענטפערט דער מוטער וועגן דיא אליין וועט עס פערוואנדלען וועסטו
אויך איהר שוין הארבין ריכטיג איין ליבער הער בעה"ם איך וועל אייך דער
פיהלין, לאנגען אלע הערין, עס איז געשטאנען איין יונגער וואסער אויף דעם
הויף, האט דאס קינד דער געזעהען דיא גון אין וואסער, האט ער זיך דער מיט
ווייטער געפרייט, מיט איין מאל איז געווארין פערוואלקענט, האט ער דיא גון
דארין מעהר ניט בעקוקען צו זעהן, האט ער זאגן געהויבען יאמערליך צו
קלאגען איך וויל איהם דיא גון צוריק שאפען, מיט איינמאהל איז געווארען איין
גרויס געלעכטער, און דיא מוטער איז ווייטער פערשעהמט געווארען, נון מוז
איין טאכטער דארף זיין איין קינד נאך געבין ? איך וועל דיר איין אנדער
מאהל מעהר שרייבין וויא געזונד, גרוס דיך מאן און דיינע קינדער מיינע
מאך אויטעליך.

שמואל נחמי' פערלמאן

---

**4.**

**צווראריגע )תשובה(**

**מאמע׳ אבי הח' הרבני המופלא אוה"ח שמואל נחמי' נ"י**

מיין ליעבער פאטער, איך האב דיין ליבען בריף ריכטיג ערהאלטען, איך
דאנק דיר טייערער פאטער פאר דיינע גוטע לעהרען, וויא איך זאל אייגע קינדער
צו גוטען ציהען, מיר האבען זייער געלאכט פון דעם משל וואס דוא האסט
מיר געשריבען פון דער נארישער מוטער מיט דעם קינד, מיט דעם יונגער
וואסער אונד מיט דער זון, מיין שמואל חנוך דיין אייניקעל איז אלט פיר יאהר

מיט בעזרת מאכהעט. האט גיהערט דיין בריף גילעזין האט ער זייער גילאבט
אונד האט גזיא גיזאגט יער וואלט נאר דעם יונג בעטען איט גוטין ער זאל דאס
וואסער ניט אויס גיסען ביז דיא זון ווערט ווידער אנפאנגען צוא שיינען, איך
האב ווייטער דעם בריף גילייענט דאס דוא שרייבסט דאס איין טאר ניט
נאשען, אונד ער ליבט זייער האשג. אונד ווער עס ליבט האשג איז אנאר, האט ער
איר אבער גיענטפערט גאג איר אוטטער דיא בינען ארבייטען נאר דעם
האשג פאר דעם נאררין, אונד פאר קלוגע גאר ניט ; איך האב ער ווערט זיין
איין גרויסער גילערנטער מענש , ווייל געדאנקען קען איך דיר ניט פארשטעלען
אללען לערינט איהם שוין אויך שרייבין אונד רעכנען, ער גריסט דיך פריינדליך.
ער בעט גאטט פאר דיין געזונד אונד לאנג לעבין, דער גלייבין, איך, איין
צאן, דיינע קלענערע אייניקליך, זייא געזונד אונד שרייב אונז אפט איינע בריף
דאס דיא קינדער זאלען פון דיר גוטע לעהרע גלעסען, דיינע טרייע טאכטער
מעלכע האפט דיך אין קורצען אין גוטען געזונד אונד אין גוטען פערגנעטען צו
זעהן, איך בעט צו גריסין אללע זייער הערצליך.

**איין געהיסער קלוגער געוועזענער קויפמאן שרייבט צו זיין פריינד וועלכער איהם מאר**
**גוטץ שלעכטץ געדינט האט . מיט איין שיין ביישפיל (משל)**

5

להה' הרבני הנגיד אוה"צ לבשירדצה מוה' חנוך אפרים .

ליבער פריינד ! אוף איין האריך צו שטעלען גיגען אייך אז איך איך
ווילען איט איין שרייבען ווישגסטענס, איהר פאר גיסט דאס איהר גייט נאהענט
פון טויט שוין גיוועזען , האב איך גימעכט אללע איטוועלען אייך צו רעכטען אייך

אללער ארט, אייך דאס לעבען צו דער האלטען, דען נאך פאר איינען
בעלוינונג מיט איהר געגאנגען, אונד האט מיט איין געשעפט, איין קינד באלד
פון דעהר וועלט געבראכט, אונד האט אונזער אייגענס אויס געבראכט אונד צוגרויס
שאנד געמאכט, איר האט דאס שט געהערט, וויא וועלן איהר וואלט דאס גרעסטען
רעכט געהאט געטאן, וויא דארף איין מענש אליין אזו זיך קיין איבערלייגונג
ניט האבין, אונד ארמענטליכקייט, אונד האראקטער, זיך פארצושטעללין, וועלן יעמער
וואלט דאס איר טאהן, אבער אזו דאך קראפט האבין צו קענען דיא אויגען
איט געוואלד אויפהייבין, געגען וויא איין שדערטרעכטיגען אקט וואס איר איט
אונס פאר פיהרט האט, רופט אבער דאס קלוג, דאס רופט אבער געוויין, איהר
פערדערבטעס מיך איט גענלעכע פערטעפערונג, דאס עס האט וויא געוואוסט וויין
אונד געשעהין, אונד ערשט טרעט איהר אויפסכיינען צו צו איר, איר ביינצוטאהן דער
נאך, זיך ווידער פארדערבערן פאלש דאס אבער האט געדעכט, געהערט, געזאגט,
אונד וועט שולדיג מאכען אונשולדיגען מענשען, דרום ליבער פריינד, גייט זוכט
אייך אנדערש וויא איהר גייט אליין, איך בעט איט איר וויטער איין קיין געשעפט
שט ארייין צו גיין, שט ארייין צו טרעטין, איינען שמערצין פון הערצען ריידען
איין איר, עס איז גאנץ ריכטיג וויא איך האב איינען געשיכטע געלעגען, דאס
איין יונגעס קלוגעס קינד האט געשפילט אונד גוט געלעבט איט איין הויז שלאנגע.
דאס קינד וואר אבער זייער קלוגעס געזאגט צו דער שלאנגע, איין פריינד דוא ביסט
פאר איר צו קלוג, דוא ביסט נאך צו קלוג געוועזען אין דיא ערשטע צייטען
טאג, וועלן דיא וועלט איז בעשאפען ווארדען דוא ביסט דיא ערשטען
פערפערעלערין געוועזען געאט אונד געגען דיינען ערשטען גוטען פריינד אדאם

אונד יענע (אדם אונד חוה) געזעסען, ווען האט זיך אין פּאראדיז (גן עדן) געלאזט טרעטען, דוא ביזט נאך אויף הויכען פֿוס גיגאנגען, דיא ערשטען גידאנקען צווייא מענשען זענען גיווען אין דיר פֿערטרויט, וויא איין מענש אין זיין ברודער. אונד דוא האסט דיא ביידע פֿערראטען, דוא האסט דעם טויט אויף דער וועלט געבראכט, דורך דיר איז דיא פֿרויא מיט שמערצען איהר קינד געווינען, צום סוף ביזטו אליין פֿערשאלטען געווארען פֿון גאט, האסט דיינע פֿיס פֿערלאָרען, אונט אויף דעם בויך קריכען, ביין שלאנג! איך קען אייערע לייט אייער בעסטעס טראכטען איז גיפֿט, איהר זייט אונדאנקבארע בעשעפֿטען פֿון אנהויב דער וועלט ביז דעם לעצטע וועלט וועט זיין, מיט איר ביזטו לעז אין שטאנד וואס אויס צו מאכען, דאס איז דיר שלעכטעלא וויטיג, וואס איינער פֿון אייערע ברידער האט גיטאהן, איין בויער האט גיצעהלען איינע שלאנגען אויף דעם פֿעלד באלד גאנץ פֿערפֿראָרען, האט ער אויף איהר איטלייד (רחמנות) גיהאט. האט זיא אין בוזען אריין גענומען, זיא צו דער ווארעמען, וויא עס זיא איהר נאך בעסער געווארען, האט זיא דעם בויער דער נאך מיט איהר גיפֿט געטויטעט, אונד ער האט געמוזט אוועקגעהן פֿון דער וועלט. ווען איהר איהר דאס לעבען גורעטעט האט, איז דאס רעכט. גלען אזן צו אייך פריינדשאפֿט וויינען נאָגט דאס קינד, איך האב עס אליין אין איין היסטאָריע-בוך געלעזען, איך וואונדערט נאָגט דיא שלאנג צום קינד, דאס אייערע היסטאריען-שרייבער גאנץ אנדערס דיא זאך פֿערציילען, בייא אונס שלאנגען האט אזן בייא דער געשיכטע פֿיל געהאט צו טוהן, אזן האט גימאכט איינע גרויסע פֿסיאָן, אזן האט צו מאנען גערופען אללע אלט, אללע יונגען שלאנגען, אונד אזן האט אויך

געבראכט דעם אָרדענער (רופא) פֿון דעם בוידער, אונד אַלן האָט איהם גענוצען אויך איין שטארקין לעקזאטען, אַלן האָט איהם געפֿרעגט, וויא אזויא קענען ער טייטין איין מענש, דער וואָס האָט איהם דאָס לעבין גערעטעט, האָט איך דיא שלאנג בייא אונס. גאָ פֿערנטפֿערט איט גרויס ציטערין, זיס דארפֿין אללין פֿאַרשטיין, דאָס דער וואָס רעדען גוטס טוהט קען אַלן איהם קיינע שלעכטעס נישט אב דינען, נאָר איהר מעהט דאָך אללין צוזוזאגען, זאָס איך בין פֿון דעם סאָרט שלאנגען וואָס איין הויט איז וויא גאָלד פֿארב, וויא שופין פֿון קארפֿין, דער בוידער האָט לוסט באַקומען וויל ער האָט געזעהען איינע גאָלד-פארביגע הויט, איך צו טייטין אונד צו מאכין פֿון איינער הויט איין ליבעל פֿיר זיין וויב בעקליידין, וואָלט וועד בעסער געוועזין, האָב איך שט רעכט געהאט, גייא איט גאָט זאָגט דאס קינד איהר זייט אללע מענער, אונד ווילט נאָך היסטאָריען שרייבער שולדיג מאכין אונד בעליידיגען, אזוי איז דיא געשיכטע אויך איט אייך דאָס איהר האָט איך אונגליקליך געמאכט, אונד ווילט נאָך ווייטער צו אונס גוט ווערין, מאכט איט אנדערע שורקען וויא איהר זייט, איך פֿערלאנג אייך שט מעהר צו קאנען אונד צו וויססען ביז דער צאָרין ווערט בייא איר געשטילט ווערין, אונד אויב איהר האָט איר אפֿאָר געמאכט יוא גערינגט, דער פֿאר איין איינען מאכען מאָך איך איינע טאָכטער תחונה איט גליך גזאָלט איהר זייק שט לאָזען בעטען גרייט נאָר אָן אגוטע הייראטס געשאנג (ברשפֿה געשאנג).

דבורי ברוך גאליזאל

**6**

**אנטוואָרט (תשובה)**

**להרבני הנגיד אוה"ח ברוך גאליאל נ"י**

ליבער טרייער פריינד איך האב אייער בריף געלעזען וועלכער איז אנגע
שטארק מיט דעם גרעסטען פיינדשאפט געשריבען, דאס הענד אונד פיס האבין
